מאקס וויינרייך:



ISBN:0-657-04971-9

מכירת יוסף

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04971

MEKHIRES-YOSEF

Max Weinreich

*Permanent preservation of this book was made possible
by Robert and Martha Rose
In memory of Linda Beth Rose*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

מלכות יוסף

דאָס איז אַרויסגענומען פֿון ספֿר „תּם־וישר״
און פֿון אַנדערע ספֿרים, וואָס אין די שטייען געשריבן וואונדערליכע מע/
שים, וואָס האָבן זיך פֿאַרלאָפֿן פֿון אָדם־הראשון ביז יהושען. און פֿון די האָט

מאַקס ווײַנרײַך

אַרויסגענומען אַלצדינג, וואָס עס איז שײך צו יוסף הצדיק, וויאַזוי ער איז פֿאַר/
קויפֿט געוואָרן קיין מצרים און וויאַזוי ער איז דאָרטן געוואָרן אַ שני־למלך
און וויאַזוי ער האָט אַראָפּגעבראַכט קיין מצרים דעם פֿאָטער מיטן גאַנצן הויזגע/
זינד. דאָס איז אַלצדינג דערציילט אויפֿן היינטיגן שטייגער, אַז קליין און גרויס זאָלן
קאָנען פֿאַרשטיין.

פארלאג „וואסטאק", בערלין.

וויאַזוי יוסף
איז געקומען
קיין מצרים

א

דאָ ווערט באשיידט, וויאַזוי יוספן האָבן זיך געחָלומט צוויי חלומות און וויאַזוי די ברידער האָבן אים מקנא געווען

דאָס זײַנען די קינדער פון יַעקבן וואָס זײַנען געבוירן געוואָרן צו אים אין פּדן־אַרָם. די קינדער פון לֵאה האָבן געהייסן ראובן און שִמעון און לֵוי און יהודה און יִשָשכר און זבולֻן און דינה, זייער שוועסטער. די קינדער פון רָחל האָבן געהייסן יוסף און בנימין; די קינדער פון זִלפּה האָבן געהייסן גָד און אָשר, און די קינדער פון בִלהה האָבן געהייסן דָן און נפתָלי. אינגאַנצן האָט יעקב געהאַט צוועלף זין און איין טאָכטער.

און יעקב מיט אַלע זײַניגע זײַנען אַוועק קיין חֶברון, וואָס דאָרט זײַנען געזעסן אברָהם און יצחק, און זיי האָבן זיך דאָרט באַזעצט. און יעקב מיט זײַנע זין און זיין הויזגעזינד זײַנען געזעסן אין טאָל פון חֶברון. ווען יעקב איז אַלט געווען הונדערט און אַכט יאָר, איז געשטאָרבן לֵאה, דאָס ווײַב זײַנס; די לעבטאָג פון לֵאה איז געווען איין און פופציג יאָר. יעקב מיט זײַנע קינדער האָבן זי באַגראָבן אין דער געטאָפּלטער הייל, וואָס אברָהם האָט געהאַט געקויפט בײַ די קינדער פון חֶת.

אַלע אײַנוואוינער פון לאַנד האָבן געוואוסט און געהערט פון דער גבורה פון יעקבס קינדער. יוסף און בנימין, רָחלס זין, זײַנען נאָך געווען קליין אין דער צײַט און זײַנען ניט מיטגעגאַנגען אין דער מִלחָמה מיט זייערע ברידער אין די שטעט פון אֶמוֹרי. און ווי יוסף האָט געזעהן די גרויסקייט און די גבורה פון זײַנע ברידער, האָט ער זיי זייער געלויבט; נײַערט ער האָט זיך גרויסגעהאַלטן אַקעגן זיי. און יעקב האָט

אים

אים מער ליב געהאַט פון אַלע זײַנע קינדער; האָט ער אים געמאַכט אַ זײַדן העמדל. ווי יוסף האָט געזעהן, אַז דער פאָטער האָט אים מער ליב פון אַלע זײַנע ברידער, האָט ער זיך געהאַלטן נאָך מער גרויס אַקעגן זיי און געבראַכט צום פאָטער שלעכטע רייד פון זײַנע ברידער. און ווי די קינדער פון יעקבן האָבן דערזעהן די מעשׂים, וואָס יוסף טוט, און אַז דער פאָטער האָט אים מער ליב פון אַלע קינדער, האָבן זיי אים פײַנט געקריגן און ניט געקאָנט מיט אים רעדן קיין שום וואָרט. און אַזוי איז יוסף אַלט געוואָרן זיבעצעהן יאָר און האָט זיך אַלץ געהאַלטן גרויס קעגן די ברידער.

אין דערזעלבער צײַט האָט זיך יוסףן געחָלומט אַ חָלום. איז ער געקומען צו זיינע ברידער און זיי דערציילט, אַז עס האָט זיך אים געחָלומט אַ חָלום, און דער חָלום איז אַזוי געווען: מיר זײַנען אַלע געווען אין פעלד און געמאַכט גאַרבן; דערווײַל איז מײַן גאַרב אויפגעשטאַנען, און אײַערע גאַרבן האָבן מײַן גאַרב אַרומגערינגלט און זיך געבוקט צו מײַן גאַרב. האָבן די ברידער אים געענטפערט און געזאָגט: וואָס איז דאָס פאַר אַ חָלום וואָס האָט זיך דיר געחָלומט? דו ווילסט דען זײַן אַ מֶלך אָדער אַ מושל איבער אונז? יוסף איז געקומען צום פאָטער און האָט אים אויך דערציילט דעם חָלום. און ווי יעקב האָט דאָס דערהערט, האָט ער אים געקושט און געבענטשט. און ווי די קינדער פון יעקב האָבן דערזעהן, אַז זייער פאָטער האָט געבענטשט און געקושט זייער ברודער יוסף, האָבן זיי אים מקַנא געווען און אים נאָך מער פײַנט געהאַט.

נאָכדעם האָט זיך יוסףן ווײַטער געחָלומט אַ חָלום; האָט ער דערציילט דעם חָלום צום פאָטער פאַר די ברידער אין די אויגן. ער האָט אַזוי געזאָגט: די זון און די לבָנה און עלף שטערן זײַנען געקומען צו מיר און האָבן זיך געבוקט. יעקב האָט צוגעהערט יוסףס רייד און געזעהן, אַז די ברידער האָבן אים פײַנט איבער דער זאַך. האָט יעקב אָנגעשריגן אויף יוסףן פאַר זײַנע ברידער און געזאָגט צו אים: וואָס האַלטסטו זיך גרויס אַקעגן דײַנע ברידער? דו טראַכטסט דען ביי דיר אין האַרצן, אַז איך מיט דײַן מוטער און דײַנע עלף ברידער וועלן קומען זיך בוקן צו דיר, אַז דו רעדסט אַזעלכע רייד?

און די ברידער האָבן זיך אין אים מתקַנא געווען אויף זיינע רייד און זײַנע חלומות און האָבן געמערט די פײַנט־שאַפט אויף אים. נאָר יַעקב האָט געוואַרט אויף די חלומות.

און

ב

דאָ ווערט באַשריבן, וויאַזוי יַעקב האָט געשיקט יוספן צו די ברידער און וויאַזוי זיי האָבן אים אַרײַנגעוואָרפן אין גרוב

און עס איז געווען אַמאָל, זײַנען די קינדער פון יעקבן געגאַנגען ווײדן די שאָף אין שכם און האָבן זיך דאָרט פאַרזאַמט. ווי יעקב האָט געזעהן, אַז זיי זאַמען זיך זייער אין שכם, און די צײַט וואָס זיי וואָלטן באַדאַרפט אַהיימקומען איז שוין לאַנג פאַרבײַ, האָט ער זיך געטראַכט אין האַרצן: טאָמער זײַנען אויפגעשטאַנען די לײַט פון שכם און האַלטן מלחמה מיט מײַנע קינדער. האָט יעקב גערופן זײַן זון יוסף און געזאָגט צו אים: פאַרוואָר, דײַנע ברידער ווײדן די שאָף אַרום דער שטאָט שכם, און זיי זאַמען זיך זייער לאַנג. גיי און זעה, וואָס זיי טוען, און דו וועסט קומען צוריק, וועסטו מיר דערציילן, וואָס זיי מאַכן. און יעקב האָט אַוועקגעשיקט זײַן זון יוסף פון טאָל חֶברוֹן קיין שכם.

יוסף איז געגאַנגען אויפן פעלד פון שכם, אָבער ער האָט ניט געפונען זײַנע ברידער. דערווײַלע האָט ער אַראָפּגעאירט פון וועג און האָט גאָרניט געוואוסט, וואוּאַהין ער גייט. האָט אים געפונען אַ מלאך פון גאָט און געזאָגט צו אים: וואוּאַהין גייסטו און וועמען זוכסטו? זאָגט יוסף צום מלאך: איך זוך מײַנע ברידער; טאָמער ווייסטו, וואו זיי ווײדן? האָט דער מלאך געזאָגט צו אים: איך האָב געזעהן דײַנע ברידער און איך האָב געהערט פון זיי, אַז זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי ווילן גיין קיין דוֹתן.

יוסף האָט צוגעהערט די רייד פון מלאך און איז געגאַנגען קיין דוֹתן און האָט דאָרט געפונען זײַנע ברידער. נאָר איידער יוסף איז צוגעקומען צו זײַנע ברידער, האָבן זיי אים דערזעהן פונדערווײַטנס. האָט שמעון געזאָגט צו זיי: אָט גייט דער מענטש פון די חלומות! לאָמיר גיין און מיר וועלן אים הרגענען און אַרײַנוואַרפן אין אַ גרוב וואָס דאָ איז פאַראַנען; און אויב אונזער פאָטער וועט אונז פרעגן, וועלן מיר זאָגן, אַז אַ חַיהר רָעה האָט אים אויפגעגעסן. ווי ראובן האָט דערהערט די דאָזיגע רייד וואָס די ברידער האָבן גערעדט אויף יוספן, האָט ער געזאָגט צו זיי: איר זאָלט אַזוי ניט טון, וואָרים וויאַזוי וועלן מיר אויפהייבן אונזערע אויגן פאַר־אונזער פאָטער יעקב? וואַרפט אים אַרײַן אין אַ גרוב

אַרײַן,

אַריַין, אָבער אונזער האַנט זאָלן מיר ניט אויסשטרעקן צו פאַרגיסן זיַין בלוט. ראובן האָט אַזוי געזאָגט, כּדי ער זאָל מציל זיַין יוסףן פון זייערע הענט און ער זאָל אים אומקערן צום פאָטער.

דערווייַלע איז יוסף צוגעגאַנגען צו די ברידער און געזאָגט צו זיי: „פריד צו איַיך! דער פאָטער האָט מיך געשיקט, איך זאָל זעהן וואָס איר מאַכט.“ און ער האָט זיך געזעצט לעבן זיי. זיַינען די ברידער אויפגעשטאַנען און אים געשלאָגן צו דער ערד און האָבן אים אָפּגעצויגן דאָס זיַידענע העמדל וואָס עס איז געווען אויף אים, און האָבן אים אַריַינגעוואָרפן אין אַ גרוב אַריַין. אין דעם גרוב איז ניט געווען קיין וואַסער, אָבער עקדעשן און שלאַנגען זיַינען יאָ געווען. און יוסף האָט זייער מורא געהאַט פאַר די עקדעשן און שלאַנגען און געשריגן מיט אַ ביטער געשריי און מיט אַ גרויס קול. האָט גאָט פאַרבאָרגן די שלאַנגען און די עקדעשן אין די לעכער פון דעם גרוב, און זיי האָבן יוסףן גאָר קיין שלעכטס ניט געטון.

יוסף האָט געשריגן פון דעם גרוב צו זיַינע ברידער און געזאָגט צו זיי: וואָס האָב איך איַיך געטון און מיט וואָס האָב איך געזינדיגט? פאַרוואָס האָט איר ניט קיין מורא פאַר גאָט? איך בין דאָך איַיער ברודער, און איַיער פאָטער יעקב איז מיַין פאָטער אויך. וויאַזוי וועט איר אויפהייבן איַיער פּנים פאַר אונזער פאָטער יעקב? איר זיַיט דאָך די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב. אַז זיי האָבן דערזעהן אַ יתום, האָבן זיי זיך דערבאַרעמט איבער אים; האָבן זיי דערזעהן אַ הונגעריגן, האָבן זיי אים געגעבן עסן; האָבן זיי דערזעהן אַ דאָרשטיגן, האָבן זיי אים געגעבן טרינקען; האָבן זיי דערזעהן אַ נאַקעטן, האָבן זיי אים אָנגעקליידט. פאַרוואָס זאָלט איר קיין רחמנות ניט האָבן אויף איַיער ברודער, וואָס ער איז פון איַיערע ביינער און פון איַיער פלייש? און אויב איר האָט קיין רחמנות ניט אויף מיַינע יונגע יאָרן, האָט רחמנות אויף די אַלטע יאָרן פון אונזער פאָטער יעקב!

און יוסף האָט ווייַטער געשריגן: ראובן, שמעון, לוי, מיַינע ברידער! נעמט מיך אַרויס פון דעם פינסטערן גרוב! אָבער ראובן איז שוין ניט געווען צווישן זיי. ער איז אַוועקגעגאַנגען און האָט אויפגעהויבן זיַינע הענט צו גאָט און געזאָגט: גאָט מיַין גאָט און גאָט פון מיַינע עלטערן, פאַרקער דאָס האַרץ פון מיַינע ברידער, זיי זאָלן יוסףן קיין שלעכטס ניט טון, און העלף מיר, איך זאָל אים אומקערן צוריק צו אונזער פאָטער.

און די אַנדערע ברידער זיַינען גאָר אַוועקגעגאַנגען פון דעם גרוב, כּדי זיי זאָלן ניט הערן די רייד פון יוסףן, און האָבן זיך געזעצט עסן.

בשעת

ג

דאָ ווערט באַשריידט, וויאַזוי די ברידער פאַרקויפן יוסף צו די ישמעאֵלים

בשעת די ברידער האָבן געגעסן, האָבן זיי צווישן זיך אַן עֵצה געהאַלטן, וואָס מען זאָל טון מיט יוספן: צי זאָלן זיי אים הַרגענען, צי זאָלן זיי אים אומקערן צום פאָטער. דערווײַל האָבן זיי אויפגעהויבן זייערע אויגן און דערזעהן, אַז ישמעאֵלים גייען פון לאַנד גִלעד און גייען קיין מצרים. האָט יהודה געזאָגט צו די ברידער: וואָס וועט אונז אַרויסקומען, אַז מיר וועלן טייטן אונזער ברודער? טאָמער וועט גאָט פאָדערן פון אונז זײַן בלוט. מײַן עֵצה איז, אַז מיר זאָלן אים פאַרקויפן צו די דאָזיגע ישמעאֵלים וואָס גייען קיין מצרַים, וועט ער שוין ממֵלא פאַרלוירן ווערן.

איז די זאַך געפעלן די ברידער, און ס'איז ביי זיי געבליבן טון אַזוי, ווי יהודה האָט זיי אַן עֵצה געגעבן. נאָר איידער די ישמעאֵלים זײַנען אָנגעקומען אויף דעם אָרט, וואו די ברידער פון יוסף זײַנען געזעסן, זײַנען דערווײַל געקומען פון אַן אַנדער זײַט מדיָנים. און די מדיָנים האָבן זייער געוואָלט אַ טרונק. האָבן זיי דערזעהן דעם גרוב, זײַנען זיי צוגעגאַנגען, וואָרים זיי האָבן געמיינט, אַז דאָרט איז פאַראַן וואַסער. האָבן זיי דערהערט דאָס קול פון יוסף, ווי ער שרײַט און וויינט. האָבן זיי אַ קוק געטון אין גרוב און דערזעהן, אַז עס שטייט דאָרט אַ שיין יינגל. האָבן זיי אים געפרעגט: ווער האָט דיך געבראַכט אַהער און ווער האָט דיך אַרײַנגעוואָרפן אין גרוב אַרײַן? און זיי האָבן אויסגעשטרעקט זייערע הענט און האָבן יוספן אַרויסגעצויגן פון גרוב און זײַנען אַוועק זייער וועג אינאיינעם מיט אים. דער וועג פון די מדיָנים איז געווען, וואו די ברידער פון יוסף זײַנען געזעסן. די ברידער האָבן דערזעהן, אַז יוסף איז בײַ די מדיָנים. האָבן זיי געזאָגט צו די מדיָנים: נאָכוואָס האָט איר גענומען אונזער קנעכט און איר גייט אַוועק מיט אים? פאַרוואָר, מיר האָבן אונזער קנעכט אַרײַנגעוואָרפן אין דעם דאָזיגן גרוב, וואָרים ער האָט אין אונז מורד

געווען, זייט איר געקומען און איר האָט אים אַרויס־
גענומען פון גרוב און איר ווילט מיט אים אַוועקגיין.
גיט אונז אָפּ דעם קנעכט.

האָבן די מדינים זיי געענטפערט און האָבן געזאָגט:
עס קאָן ניט זיין, אַז ער זאָל זיין אייער קנעכט, וואָרים
ער איז שענער פון אייך. ער מוז זיין אייער האַר און איר
זייט זיינע קנעכט. נאָכוואָס באַדאַרפט איר זאָגן אַזאַ
גרויסן ליגן? מיר זאָגן אייך, אַז מיר ווילן ניט צוהערן
אייערע רייד. וואָרים מיר האָבן געפונען דעם יונג אין
אַ גרוב אין דער מדבר, האָבן מיר אים גענומען און מיר
ווילן געוויס אַוועקגיין מיט אים.

זיינען די ברידער פון יוסף צוגעגאַנגען צו די מדינים
און האָבן געזאָגט צו זיי: גיט אונז אָפּ אונזער קנעכט,
און אַז ניט, וועט איר אַלע געטייט ווערן דורך אונז. האָבן
די מדינים אָנגעהויבן צו שרייען אויף די ברידער און
אַרויסגענומען זייערע שווערדן און געוואָלט מיט זיי מלחמה
האַלטן. איז שמעון אויפגעשטאַנען און האָט אויך אַרויס־
גענומען זיין שווערד און האָט גענעהנט צו די מדינים
און האָט אַ גרויסן געשריי געטון, אַז די ערד האָט אָנ־
געהויבן צו ציטערן. און די מדינים האָבן זיך זייער דער־
שראָקן און זיינען געפאַלן צו דער ערד. און שמעון האָט
צו זיי געזאָגט: איך בין שמעון, דער זון פון יעקב העברי,
וואָס איך האָב חרוב געמאַכט די שטאָט שכם. און איך
זאָג אייך: אַפילו אַז עס וועלן קומען צו אייך אַלע מענטשן
פון מדין, וועט איר ניט קאָנען מיט מיר מלחמה האַלטן.
און אַצונד גיט מיר אָפּ דאָס יינגל וואָס איר האָט גע־
נומען פון גרוב, אַניט וועט זיין אייער פלייש צו די חיות
און עופות.

די מדינים האָבן זייער מורא געהאַט פאַר שמעונען
און האָבן גענעהנט צו די ברידער פון יוסף מיט פאָרכט
און געזאָגט צו זיי מיט ווייכע רייד: פאַרוואָר, איר האָט
אַליין געזאָגט, אַז דאָס יינגל איז אייער קנעכט און ער
האָט אין אייך מורד געווען, איבערדעם האָט איר אים
אַריינגעוואָרפן אין גרוב. אַמער וואָס באַדאַרפט איר
האָבן אַזאַ קנעכט, אַז ער זאָל אין אייך ווידערשפעניגן?
פאַרקויפט אים בעסער צו אונז, און מיר ווילן אייך געבן,
וויפיל איר ווילט.

גאָט האָט דאָס אַזוי געטון, אַז די מדינים זאָלן חשק
האָבן אים צו קויפן, כדי די קינדער פון יעקב זאָלן ניט
טייטן זייער ברודער. און די קינדער פון יעקב האָבן
צוגעהערט די רייד פון די מדינים און האָבן יוספן פאַר־
קויפט פאַר צוואַנציג שטיק זילבער. און זייער ברודער
ראובן איז ניט געווען מיט זיי אין דערזעלביגער
צייט.

ד

דאָ ווערט באַשיידט, וויאַזוי יוסף פאַלט אַריין צו די ישמעאלים און וויאזוי ער בעט ביים בר פון זיין מוטער רָחל

די מדינים האָבן גענומען יוספן און זיינען אַוועקגעגאַנגען מיט אים. און בשעת זיי זיינען געגאַנגען אויפן וועג, האָבן זיך די מדינים באַטראַכט: וואָס האָבן מיר געטון, וואָס מיר האָבן געקויפט דאָס יינגל פון די עברים? טאָמער האָבן זיי אים געגנבעט? און אַז מען וועט געפינען דאָס יינגל ביי אונז, וועלן מיר געטייט ווערן איבער אים. געוויס האָבן די מענטשן דאָס יינגל געגנבעט, וואָרים מיר האָבן געזעהן פון איינעם פון זיי די גבורה, און די אַנדערע מוזן אויך אַוודאי זיין גרויסע גיבורים; האָבן זיי געוויס דאָס יינגל געגנבעט, אויב זיי האָבן אים פאַרקויפט פאַר אַ ביסל געלט.

בשעת די מדינים האָבן צווישן זיך אַזוי גערעדט, האָבן זיי געזעהן, אַז די ישמעאלים גייען, וואָס די קינדער פון יעקב האָבן זיי געזעהן צום ערשטן. און ווי די ישמעאלים זיינען געקומען אַנטקעגן די מדינים, האָבן די מדינים געזאָגט איינער צום אַנדערן: לאָמיר פאַרקויפן דאָס יינגל צו די ישמעאלים, וועלן מיר אָפּנעמען דאָס געלט וואָס מיר האָבן געגעבן די עברים. און ווי די ישמעאלים זיינען צוגעגאַנגען צו די מדינים, האָבן די מדינים פאַרקויפט יוספן צו די ישמעאלים פאַר צוואַנציג שטיק זילבער. און די מדינים זיינען אַוועקגעגאַנגען צום לאַנד גלעד.

און די ישמעאלים האָבן גענומען יוספן און האָבן אים אַרויפגעזעצט אויף אַ קעמל און זיינען געגאַנגען קיין מצרים. ווי יוסף האָט דערהערט, אַז זיי גייען קיין מצרים, האָט ער אָנגעהויבן צו וויינען און צו שרייען, וואָרים ער וועט זיך זייער דערווייטערן פון פאָטער. איינער פון די ישמעאלים האָט דערזעהן, אַז יוסף וויינט, האָט ער אים אַראָפּגענומען פון קעמל. איז יוסף געגאַנגען צופוס, און פונדעסטוועגן האָט ער געשריגן און געוויינט: פאָטער, פאָטער! איז אויפגעשטאַנען איינער פון די ישמעאלים און האָט געשלאָגן יוספן אויף דער באַק. האָט יוסף נאָך מער אָנגעהויבן צו וויינען. און יוסף איז נעבעך מיד געוואָרן אויפן וועג און האָט גאָרניט געקאָנט גיין איבער דעם אומגליק וואָס האָט זיך מיט אים געטראָפן; האָבן אַלע ישמעאלים אים געשלאָגן און געפייניגט און האָבן אים געשראָקן, כדי ער זאָל אויפהערן צו וויינען.

און

און גאָט האָט געזעהן די פּיין פון יוסף, האָט גאָט געשיקט אויף די ישמעאֵלים אַ פינצטערניש און אַ דער־שרעקעניש; און וועלכע האַנט עס האָט געשלאָגן יוספן, די איז פאַרדאַרט געוואָרן. האָבן די ישמעאֵלים געזאָגט איינער צום אַנדערן: וואָס האָט גאָט געטון מיט אונז אויף דעם דאָזיגן וועג? זיי האָבן גאָרניט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַלץ איבער יוספן.

ווי די ישמעאֵלים זיַינען אַוועקגעגאַנגען וויַיטער, זיַינען זיי געקומען אויפן וועג פון אֶפרת, וואָס דאָרט איז באַגראָבן רָחל, יוספס מוטער. און ווי יוסף איז גע־קומען צום קֶבר פון זיַין מוטער רָחל, איז ער געפאַלן אויפן קֶבר און האָט זייער געוויינט. און יוסף האָט גע־שריגן און געזאָגט: מיַין מוטער, מיַין מוטער, וואָס דו האָסט מיך געוואונען! שטיי אויף און זעה, ווי דיַין זון יוסף איז פאַרקויפט געוואָרן פאַר אַ קנעכט, און קיינער טוט זיך איבער אים ניט דערבאַרעמען. מיַין מוטער; מיַין מוטער! שטיי אויף און זעה, ווי דיַין זון יוסף וויינט אויף זיַינע צָרות, און העלף אים אויך וויינען. מיַין מוטער, מיַין מוטער! שטיי אויף פון שלאָף און זעה, ווי מיַינע ברידער האָבן פון מיר אָפּגעצויגן דאָס העמדל און האָבן מיך פאַרקויפט פאַר אַ קנעכט, און זיי האָבן אויף מיר גאָר קיין רחמנות ניט געהאַט. מיַין מוטער, מיַין מוטער! דערוועק דיך און ריכט אָן אַ קלאָג פאַר גאָט אויף מיַינע ברידער, וועסטו זעהן, ווער עס וועט גערעכט זַיין ביַי דעם מִשפט. מיַין מוטער! מיַין מוטער! ביי און זעה, אַז ביַי מיַין פאָטער איז דאָס האַרץ פול מיט שמאַרצן, און טרייסט אים און רייד אים אויס דאָס האַרץ.

אַזוי האָט יוסף גערעדט און געשריגן און געוויינט. און נאָכדעם איז יוסף אַנטשוויגן געוואָרן. האָט ער דער־הערט אַ קול פונם קֶבר מיט געוויין, און דאָס קול האָט געזאָגט: מיַין זון יוסף, מיַין זון יוסף. איך האָב גע־הערט דיַין קול און דיַין געשריי און האָב געזעהן דיַינע טרערן. איך ווייס פון דיַינע צָרות, און עס טוט מיר זייער באַנג אויף דיר, און דו מערסט מיר טרויעריקייט אויף מיַין טרויעריקייט. און אַצונד, מיַין זון יוסף, האָף צו גאָט און בעט צו אים און זאָלסט פאַר קיינעם ניט מורא האָבן, וואָרים גאָט איז מיט דיר, און ער וועט דיך מַציל זַיין פון אַלע צָרות. שטיי אויף, מיַין זון יוסף, און גיי קיין מִצרַים מיט דיַינע האַרן, און זאָלסט פאַר זיי גאָר קיין פאָרכט ניט האָבן, וואָרים גאָט איז מיט דיר. אַזוי האָט זי גערעדט און איז אַנטשוויגן געוואָרן. און יוסף האָט געהערט די דאָזיגע רייד, האָט ער זיך זייער פאַרוואונדערט דערויף און נאָך מער געוויינט.

איינער

ה

דאָ ווערט באַשריבן, וויאַזוי די ישמעאֵלים האָבן באַקומען זייער שטראָף

פון יוסף'ס וועגן

אײנער פון די ישמעאֵלים האָט דערזעהן, אַז יוסף שטייט לעבן אַ שטיין און וויינט, האָט דער ישמעאל אויף אים זייער געצערנט און אים אַוועקגעטריבן פון קבר און אים געשלאָגן און געשאָלטן. האָט יוסף געזאָגט צו די ישמעאֵלים: איך בעט אײַך זייער, לאָמיך געפינען לײַט־זעליקייט אין אײַערע אויגן, אַז איר זאָלט מיך אומקערן צו מײַן פאָטערס הויז; מײַן פאָטער וועט אייך דערפאַרײַך מאַכן. האָבן די ישמעאֵלים אים געענטפערט און געזאָגט צו אים: דו ביזט דאָך אַ קנעכט, און וואו איז דײַן פאָטער? אויב דו האָסט אַ פאָטער, וואָלט ער דיך ניט פאַרקויפט פאַר אַזאַ ביסל געלט. און זייער צאָרן האָט געברענט אין זיי, און זיי האָבן יוספן ווײַטער געשלאָגן.

האָט יוסף געוויינט זייער אַ גרויס געוויין. האָט גאָט נאָכאַמאָל געשלאָגן די ישמעאֵלים און אָנגעשיקט אויף זיי אַ גרויסן שטורעמווינט. עס איז געוואָרן פינצטער, און עס האָט זייער געדונערט און געבליצט, און די ערד האָט געציטערט מחמת די גרויסע דונערן. און דער שטורעמווינט האָט זיך אַלץ מער געשטאַרקט. האָבן זיך די ישמעאֵלים זייער דערשראָקן: זיי האָבן גאָרניט געוואוסט, וואוהין זיי גייען, די קעמלען זײַנען געבליבן שטיין. די ישמעאֵלים האָבן געשלאָגן די קעמלען, אַז זיי זאָלן גיין, זײַנען די קעמלען געפאַלן צו דער ערד.

האָבן די ישמעאֵלים געזאָגט איינער צום אַנדערן: פאַר וואָס האָט גאָט געטון אַזעלכס צו אונז? וואָס האָבן מיר דען געזינדיגט און וואָס האָבן מיר דען פאַרשולדיגט, אַז עס זאָל צו אונז זײַן אַזאַ צָרה? און איינער פון זיי האָט געענטפערט און געזאָגט: טאָמער איז די זינד פונוועגן דעם אָרימען קנעכט, דעריבער טרעפט זיך אונז אַזעלכס דעם דאָזיגן טאָג? לאָמיר איבערבעטן דעם קנעכט, ער זאָל אונז מוחל זײַן, וואָס מיר האָבן אים געטון; וועלן מיר וויסן, צי איז דאָס איבער אים, צי ניין. און די

ישמעאֵלים האָבן אַזוי געטון און האָבן געזאָגט צו יוסֿפן: זיי אונז מוחל דאָס, וואָס מיר האָבן געזינדיגט צו דײַן גאָט און אַנטקעגן דיר, און אַצונד, יוסף, טו בעטן פֿאַר אונז גאָט, אַז ער זאָל אָפּטון פֿון אונז די דאָזיגע צָרה. און יוסף האָט געטון אַזוי, ווי די ישמעאֵלים האָבן צו אים געזאָגט. האָט גאָט צוגעהערט צו יוסֿפן און אָפּגעטון די צָרה פֿון די ישמעאֵלים. די קעמלען זײַנען אויפגעשטאַנען פֿון דער ערד און האָבן שוין אָנגעהויבן צו גיין, און דער שטורעמווינט האָט אויפגעהערט.

זיינען די ישמעאֵלים אַוועקגעגאַנגען מיט יוסֿפן קיין מצרַים. האָבן זיי שוין פֿאַרשטאַנען, אַז די צָרה איז געווען פֿונוועגן יוסף. און זיי האָבן געזאָגט איינער צום אַנדערן: אַצונד ווייסן מיר, אַז די צָרה איז געווען איבער יוסֿפן; דעריבער באַדאַרפֿן מיר זיך אַן עֵצה האַלטן, וואָס מיר זאָלן טון מיט אים. האָט איינער געזאָגט: פֿאַרוואָר, יוסף האָט דאָך צו אונז געזאָגט, אַז מיר זאָלן אים אומקערן צו זײַן פֿאָטער; איז מײַן עֵצה, אַז מיר זאָלן גיין מיט אים צו זײַן פֿאָטער, און זײַן פֿאָטער וועט אונז אומקערן אונזער געלט. האָט ווײַטער איינער געענטפֿערט און געזאָגט: די עֵצה איז אַ גוטע עֵצה, נײַערט לאָמיר פֿריער גיין קיין מצרַים: ווען מיר אים קאָנען פֿאַרקויפֿן, איז גוט, און אויב ניט, וועלן מיר אים אָפּפֿירן צום פֿאָטער.

איז די זאַך זייער געפֿעלן בײַ זיי אין די אויגן, און זיי זײַנען געגאַנגען קיין מצרַים.

ו

דאָ ווערט באַשריבן, וויאַזוי נפתלי האָט
געבראַכט צום פאָטער דאָס
בלוטיגע העמדל

נאָכדעם אַז די קינדער פון יעקבן האָבן פאַרקויפט יוספן צו די מדינים, האָט זיי דאָס האַרץ זייער ווייט געטון, און זיי האָבן געהאַט דערויף גרויס חרטה. און זיי זײַנען בעגאַנגען זוכן די מדינים, אָבער זיי האָבן זיי שוין ניט בעקאָנט געפינען. ראובן איז אַצונד געקומען צוריק, און ער איז בעגאַנגען צו דעם גרוב, וואָס יוסף איז דאָרט געווען, כדי ער זאָל אים פון דאָרט אַרויסנעמען און אומקערן אים צום פאָטער. און ראובן האָט זיך געשטעלט בײַם גרוב און האָט גערופן: יוסף! יוסף! נאָר קיינער האָט אים ניט געענטפערט. האָט ראובן געמיינט, אַז יוסף איז געשטאָרבן מַחמת מורא, אָדער די שלאַנגען מיט די עקדעשן האָבן אים געטייט. איז ראובן אַרײַנגעגאַנגען אין דעם גרוב און האָט אים געזוכט און האָט אים ניט געפונען. איז ראובן אַרויסגעגאַנגען פון דעם גרוב און האָט צעריסן זײַנע קליידער און געזאָגט: יוסף איז שוין מער ניטאָ! וויאַזוי וועל איך קומען צו מײַן פאָטער? וואָס פאַר אַ תּירוץ וועל איך אים זאָגן אויף יוספן?

און ראובן איז געגאַנגען צו זײַנע ברידער. האָט ער געפונען, אַז די ברידער זײַנען טרויעריג. האָט ער געזאָגט צו זיי: איך בין געקומען צום גרוב און איך האָב געזוכט אונזער ברודער יוסף; איז ער דאָרט ניט געווען. וואָס פאַר א תּירוץ וועלן מיר זאָגן צו אונזער פאָטער? וואָרים ער וועט אים פון קיינעם ניט זוכן, נאָר פון מיר. האָבן אים די ברידער געענטפערט: אַזוי און אַזוי האָבן מיר געטון צו יוספן, און הײַנט האָבן מיר דערויף חרטה, און מיר זוכן אים, נאָר מיר קאָנען אים ניט געפינען. דעריבער האַלטן מיר אַן עֵצה, וואָס פאַר אַ תּירוץ מיר זאָלן זאָגן אונזער פאָטער. האָט ראובן צו זיי געזאָגט: אַקעגן וואָס האָט איר דאָס געטון? איר וועט מאַכן נידערן אונזער אַלטן פאָטער אין גרוב אַרײַן! איר האָט ניט רעכט געטון. און ראובן האָט זיך געזעצט לעבן זיי.

דערנאָך זײַנען זײ אַלע אױפגעשטאַנען און האָבן געשװאױרן, אַז עס זאָל ניט געזאָגט װערן די זאַך דעם פּאָטער. און אַלע האָבן געזאָגט: װעלכער עס װעט זאָגן די זאַך צו אונזער פּאָטער אָדער צו זײַן הױזגעזינד אָדער צו אַן אַנדער מענטש, דעם װעלן מיר אומברענגען. און נאָכדעם האָבן זײ אַן עֵצה געהאַלטן, װאָס זײ זאָלן זאָגן דעם פּאָטער. האָט יִשָשכר צו זײ געזאָגט: איך װעל אײַך אַן עֵצה געבן דערױף, און די עֵצה װעט אײַך געפעלן. איר זאָלט נעמען דאָס העמדל, און איר זאָלט דאָס צערײסן, און מען זאָל שעכטן אַ ציקעלע, און מען זאָל אײַנטונקען דאָס העמדל אין בלוט, און מען זאָל דאָס שיקן צו אונזער פּאָטער. און אַז ער װעט זעהן דאָס העמדל, װעט ער זאָגן: אַ בײזע חַיה האָט אים אױפגעגעסן.

איז יִשָשכרס עֵצה װאױלגעפעלן בײַ זײ אין די אױגן. זײ האָבן געאײַלט און גענומען דאָס העמדל, האָבן עס צעריסן, געשאָכטן אַ ציקעלע און האָבן אײַנגעטונקט דאָס העמדל אין בלוט און האָבן עס באַשיט מיט ערד. און זײ האָבן דאָס העמדל אַװעקגעשיקט צום פּאָטער דורך נפתּלין און האָבן אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל אַזױ זאָגן צום פּאָטער: מיר האָבן אײַנגעזאַמלט די שאָף, דערװײַל האָבן מיר דערזעהן, אַז דאָס העמדל איז געלעגן אױפן װעג, אײַנגעריכט מיט בלוט און מיט ערד. אַצונד דערקען, צי דאָס העמדל איז פון דײַן זון יוסף, צי נײן.

נפתּלי איז געגאַנגען מיטן העמדל צום פּאָטער און האָט געזאָגט צום פּאָטער אַזױ װי די ברידער האָבן אים אָנגעזאָגט. און װי יעקב האָט דערזעהן דאָס העמדל, האָט ער געזאָגט: דאָס איז געװיס דאָס העמדל פון מײַן זון יוסף. און יעקב איז געפאַלן אױפן פּנים צו דער ערד און איז געבליבן שטיל, װי אַ שטײן. און דערנאָך איז יעקב אױפגעשטאַנען און האָט געטריגן און געװײנט.

ז

דאָ ווערט באַשריידט, וויאַזוי יַעקב האָט
געוויינט און געקלאָגט אויף
זיין זון יוסף

יעקב האָט געאײַלט און האָט געשיקט אַ קנעכט צו זײַנע קינדער, אַז זיי זאָלן אַהיימקומען. און די קינדער פון יעקב זיינען געקומען אַהיים, זײַנען געװען בײַ זיי די קליידער צעריסן, און ערד איז געלעגן אויף זייערע קעפּ. און זיי האָבן געפונען, אַז זייער פאָטער שרײַט און וויינט מיט אַ גרויס קָול. האָט יעקב געזאָגט צו זיי: פאַרוואָס האָט איר מיר געבראַכט פּלוצלינג אַזאַ שלעכטע בשורה דעם דאָזיגן טאָג? האָבן די קינדער אים געענטפערט און געזאָגט: מיר האָבן אײַנגעזאַמלט די שאָף, האָבן מיר געפונען אויפן וועג דאָס העמדל פול מיט בלוט; האָבן מיר געשיקט צו דיר, אַז דו זאָלסט דערקענען, צי דאָס איז פון דײַן זון.

ווי יעקב האָט אויסגעהערט די רייד, האָט ער אָנגעהויבן צו שרײַען מיט אַ גרויס קול און האָט געזאָגט: אוי, דאָס העמדל איז פון מײַן זון יוסף! אַ שלעכטע חיה האָט אים אויפגעגעסן, מײַן זון יוסף איז פאַרצוקט געוואָרן! איך האָב אים געשיקט צו אײַך, אַז ער זאָל זעהן דאָס פריד פון אײַך און פון די שאָף און ער זאָל מיר ברענגען אַן ענטפער דערויף. און ער איז געגאַנגען, אַזוי ווי איך האָב אים געזאָגט, און היינט האָט זיך אים אַזעלכס געטראָפן, און איך האָב געמיינט, אַז ער איז מיט אײַך.

האָבן די קינדער אים געענטפערט און האָבן געזאָגט: ער איז גאָר צו אונז ניט געקומען און מיר האָבן אים גאָרניט געזעהן, זינט מיר זײַנען אַוועקגעגאַנגען פון דיר. און ווי יעקב האָט אויסגעהערט די דאָזיגע רייד, האָט ער ווײַטער אָנגעהויבן צו שרײַען און איז אויפגעשטאַנען און האָט אָנגעטון אַ זאַק אויף זײַנע לענדן און האָט געוויינט אַ גרויס געוויין. און ער האָט געזאָגט: יוסף, מײַן זון! איך האָב דיך אַוועקגעשיקט צו זעהן דאָס

פריד

פריד פון דײַנע ברידער, און דו ביזט פאַרצוקט געוואָרן. מײַין זון יוסף! וואָס פאַר אַ זיסקייט ביזטו געוועזן פאַר מיר, און אַצונד ביזטו געוואָרן אַ ביטערקייט פאַר מיר. בעסער וואָלט געוועזן געקומען אַ טויט אויף מיר. מײַין זון יוסף! עס טוט מיר זייער באַנג אויף דיר. מײַין זון יוסף, מײַין זון יוסף! וואו ביזטו און וואו איז דײַין לײַיב? טו זיך דערוועקן פון דײַין אָרט און קום און זעה, ווי איך קלאָג אויף דיר. יוסף, מײַין זון, קום און צייל איבער די טרערן, וואָס רינען פון מײַינע אויגן, און ברענג זיי אויף פאַר גאָט, ער זאָל אָפּקערן זיין צאָרן פון מיר. מײַין זון יוסף, זעה דעם צַער וואָס איך האָב דערפאַר, וואָס איך האָב דיך ניט אויפגעצויגן! ניט איך האָב דיר געגעבן דײַין לעבן און דײַין נשָמה, נאָר גאָט; ער האָט דיך באַשאַפן און ער האָט דיר געגעבן אַ נשָמה און האָט דיך געגעבן צו מיר. פאַרוואָר, דער גאָט וואָס האָט דיך געגעבן צו מיר, ער האָט דיך ווידער אָפּגענומען פון מיר, און אַלע מַעשים פון גאָט זיינען גוט.

און יעקב האָט נאָך געמערט קלאָגרייד און האָט געוויינט אַ גרויס געוויין, ביזוואַנען ער איז געפאַלן אויף דער ערד און אַנטשוויגן געוואָרן, ווי אַ שטיין. און ווי די קינדער האָבן דערזעהן דאָס טרויערן פון פאָטער, האָבן זיי גרויס חרָטה געהאַט אויף דעם וואָס זיי האָבן געטון, און האָבן אויך מיטגעוויינט. און עס זײַנען אויפגעשטאַנען אַלע קינדער און אַלע קנעכט און אַלע טעכטער פון די קנעכט און האָבן אַרומגערינגלט יעקבן און אים געטרייסט; נאָר ער האָט ניט געוואָלט אָננעמען קיין שום טרייסט. און ווי דאָס הויזגעזינד פון יעקב האָבן דאָס דערזעהן, זײַנען זיי אויפגעשטאַנען און האָבן געקלאָגט אַ גרויסע קלאָג אויף יוספן און אויף דער צָרה פון יעקבן. און די זאַך איז באַוואוסט געוואָרן צו יצחקן, האָט יצחק געוויינט אַ גרויס געוויין. און יצחק איז געגאַנגען מיט אַלע מענטשן פון חֶברון צו טרייסטן זײַין זון יעקב. אָבער יעקב האָט זיך ניט געלאָזט טרייסטן.

און דערנאָך איז יעקב אויפגעשטאַנען פון דער ערד, און די טרערן האָבן גערונען אויפן פָּנים. און יעקב האָט געזאָגט צו זײַנע קינדער: שטייט אויף און נעמט אײַערע שווערדן און פײַלנבויגנס און גייט אין פעלד אַריין, טאָמער וועט איר געפינען כאָטש דעם גוף פון מײַין זון. און אויב יאָ, וועט איר אים ברענגען צו מיר, וועל איך אים באַגראָבן. און בשַעת איר וועט גיין אין פעלד אַרײַין, איז וועלכע חַיה איר וועט גרייכן צום ערשטן, זאָלט איר זי כאַפּן און ברענגען צו מיר. טאָמער וועט גאָט זיך מרַחם זײַין איבער מיר, וועט ער אײַך צושיקן די חַיה וואָס האָט פאַרצוקט מײַין זון.

די קינדער האָבן געטון אַזוי, ווי זייער פאָטער יעקב האָט זיי אָנגעזאָגט. און בשעת זיי זייַנען געגאַנגען אין פעלד אַרייַן, האָבן זיי באַגעגנט אַ וואָלף. האָבן זיי אים געכאַפּט און האָבן אים געבראַכט צום פאָטער און האָבן צו אים געזאָגט: די דאָזיגע חיה האָבן מיר געפונען צום ערשטן, האָבן מיר זי גע־בראַכט צו דיר, אַזוי ווי דו האָסט אונז אָנגעזאָגט. און דעם גוף פון דייַן זון יוסף האָבן מיר ניט געפונען.

און יעקב האָט אַלץ געשריגן און געוויינט טאָג אויף טאָג אויף זייַן זון יוסף און האָט געטרויערט אויף איב פיל טעג.

ווי אַזוי יוסף
איז געוואָרן
שֵני-לַמֶלך.

א

דאָ ווערט באַשריבן, וויאַזוי יוסף
איז געוואָרן אַ קנעכט
בײַ פוטיפרן

ישמעאֵלים, וואָס האָבן געקויפט יוספן פון די מדינים, זײַנען געקומען מיט יוספן קיין מצרים און זײַנען געגאַנגען מיט אים אויפן מאַרק. האָבן זיי באַ־געגנט פיר מענטשן, וואָס זיי זײַנען געווען די קינדער פון מדָן, דעם זון פון אברָהם. האָבן די ישמעאֵלים געזאָגט צו די פיר מענטשן: אֶפשר ווילט איר קויפן אַ קנעכט? האָבן די מענטשן געענטפערט: ווײַזט אונז דעם קנעכט. האָבן די ישמעאֵלים אים געוויזן. און ווי די פיר מענטשן האָבן געזעהן, אַז ער איז זייער שיין, האָבן זיי אים געקויפט פאַר צוואַנציג שקָלים.

און איינער פון די פיר האָט געזאָגט צו זײַנע חברים: איך האָב געהערט, אַז פוטיפר, דער דינער פון פַּרעה, וואָס ער איז דער קיכמײַסטער, וויל קויפן אַ שיינעם קנעכט וואָס זאָל אים באַדינען און אַכטונג געבן אויף זײַן הויז. לאָמיר גיין צו אים, וועלן מיר אים פאַרקויפן יוספן, און פוטיפר וועט אונז געבן פאַר אים, וויפיל מיר וועלן זיך הייסן געבן.

זײַנען די קינדער פון מדָן געגאַנגען צו פוטיפרן און האָבן צו אים געזאָגט: מיר האָבן געהערט, אַז דו ווילסט קויפן אַ שיינעם קנעכט. אַצונד האָבן מיר אַ שיינעם קנעכט; אויב דו וועסט אונז געבן אַ סך געלט פאַר אים, וועלן מיר דיר אים פאַרקויפן. האָט פוטיפר צו זיי געזאָגט: ברענגט אים צו מיר, וועל איך אים אָנקוקן; אויב ער וועט מיר געפעלן, וועל איך אײַך געבן פאַר אים, וויפיל איר וועט וועלן. זײַנען די קינדער פון מדָן געגאַנגען און האָבן געבראַכט דעם קנעכט פאַר פוטיפרן. איז יוסף זייער געפעלן אין די אויגן פון פוטיפרן. האָט

פוטיפר

פוטיפר געזאָגט צו די קינדער פון מדן: וואָס ווילט איר פאַר אים? האָבן זיי געענטפערט: מיר ווילן פאַר אים פירהונדערט שטיק זילבער.

האָט פוטיפר צו זיי געזאָגט: איך וועל אייַך געבן פאַר אים וויפיל איר ווילט, נייַערט ברענגט מיר די מענטשן, בייַ וועמען איר האָט אים געקויפט: טאָמער האָט איר אים געגנבעט? ווארים דאָס יינגל ווייַזט ניט אויס ווי אַ קנעכט. זייַנען די קינדער פון מדן געגאַנגען און האָבן געבראַכט די ישמעאֵלים צו פוטיפרן. האָבן די ישמעאֵלים געזאָגט צו אים: די דאָזיגע מענטשן האָבן געקויפט בייַ אונז דעם קנעכט. און פוטיפר האָט צוגעהערט די רייד פון די ישמעאֵלים, וואָרים די ישמעאֵלים זייַנען געווען גרויסע סוחרים. האָט פוטיפר געגעבן די קינדער פון מדן פירהונדערט שטיק זילבער פאַר יוסֵפן, און זיי האָבן צוגענומען דאָס געלט און זייַנען אַוועק אין זייער וועג. די ישמעאֵלים זייַנען אויך אַוועקגעגאַנגען אין זייער וועג.

און פוטיפר האָט גענומען יוסֵפן און האָט אים געבראַכט צו זיך אין שטוב אַריין, און יוסף האָט אים באַדינט. און יוסף האָט געפונען חן אין די אויגן פון זייַן האַר. האָט פוטיפר אָפּגעגעבן אַלצדינג וואָס ער האָט אונטער יוסֵפס האַנט. און גאָט איז געווען מיט יוסֵפן, און יוסף איז געוואָרן באַגליקט אין אַלע זאַכן. און גאָט האָט געבענטשט דאָס הויז פון פוטיפרן אין יוסֵפס זכות.

פוטיפר האָט זיך פאַרלאָזן מיט אַלצדינג אויף יוסֵפן. יוסף איז געווען בייַ אים דער אויסגעבער און דער אייַנעמער, און אַלצדינג איז געווען דורך יוסֵפס באַפעל. יוסף איז אַלט געווען אין דערזעלביגער צייַט אַכצעהן יאָר, און ער איז געווען זייער אַ שיינער פאַרשוין, אַז אַזאַ שיינער איז ניט געווען אין גאַנץ מצרים.

ב

דאָ ווערט באַשיידט, וויאַזוי זליכהס
האַרץ האָט געגלוסט צו
יוספן

אין דערזעלביגער צײַט אַז יוסף איז געווען בײַ פּוטיפרן אין הויז, האָט זליכה, דאָס ווײַב פון פּוטיפר, אויפגעהויבן אירע אויגן צו יוספן און געזעהן, אַז ער איז זייער אַ שיינער; האָט איר האַרץ זייער געגלוסט צו אים, און זי האָט געוואָלט, ער זאָל זײַן מיט איר. אָבער יוסף האָט זי ניט געוואָלט צוהערן און האָט געזאָגט: פאַרמײַד דאָס צו רעדן צו מיר. וויאַזוי קאָן איך דאָס טון צו מײַן האַר? אַלצדינג וואָס עס איז פאַראַן בײַ מײַן האַר האָט ער אָפּגעגעבן צו מיר. ער גיט מיר אָפּ גרויס כּבוד, און קיין שום מענטש וואָס עס איז פאַראַן בײַ אים אין שטוב איז ניט גרעסער פון מיר, נאָר דו, ווײַל דו ביזט זײַן ווײַב. וויאַזוי קאָן איך טון אַזאַ זאַך, אַז איך זאָל זינדיגן אַקעגן גאָט און אויך אַקעגן דײַן מאַן. זאָלסט פאַרמײַדן צו רעדן אַזעלכע רייד, וואָרים איך וועל זיי געוויס ניט צוהערן. פונדעסטוועגן האָט זליכה ניט צוגעהערט די רייד פון יוספן, און זי פלעגט אים אַלץ צורעדן.

דערווײַל איז דער טײַך נילוס געוואָרן פול מיט וואַסער. און דער מנהג איז געווען אין מצרים: אַז דער טײַך נילוס איז געוואָרן פול מיט וואַסער, האָבן זיך די אײַנוואוינער און דער מלך פון מצרים געמאַכט אַ יום־טוב. זיי פלעגן גיין צום טײַך און פלעגן דאָרט שטיין אַ גאַנצן טאָג און פלעגן טאַנצן און שפּילן מיט אַלע כּלי־זמר. און דאָס הויזגעזינד פון פּוטיפרן זײַנען אויך געגאַנגען צום טײַך. נאָר זליכה איז איבערגעבליבן אין שטוב: זי האָט געזאָגט, אַז זי איז שלאַף.

בשעת אַלע מענטשן פון דער שטוב זײַנען אַוועקגעגאַנגען, איז זליכה אויפגעשטאַנען פון איר בעלעגער און האָט זיך אָנגעטון זייער שיינע קליידער און האָט אַרויפגעטון אויפן קאָפּ טײַערע שטיינער וואָס זײַנען געווען אײַנגע־

זעצט אין גאָלד און אין זילבער. זי האָט געמאַכט איר פָּנים זייער שיין מיט אַלערליי לויטערקייט און האָט אויסגערייכערט איר שטוב מיט ווייַרעך און מיט אַלערליי בשָׂמים. דערנאָך האָט זי זיך געזעצט בייַ דער טיר, דאָרט וואו יוסף האָט באַדאַרפט אַרייַנגיין אין שטוב.

און ווי יוסף איז געקומען פונם פעלד, האָט ער גע־וואָלט אַרייַנגיין אין שטוב. האָט ער דערזעהן, אַז זליכה זיצט בייַ דער טיר, און האָט זיך אומגעקערט צוריק. ווי זי האָט דערזעהן, אַז יוסף קערט זיך אום, האָט זי אים גערופן און געזאָגט: יוסף, פאַרוואָס גייסטו ניט טון דייַן אַרבעט? איך וועל אַוועקגיין פון דער טיר, ביז דו וועסט אַרייַנגיין אין שטוב. איז יוסף אַרייַנגעגאַנגען אין שטוב אַרייַן און האָט זיך געזעצט טון וואָס ער האָט באַדאַרפט.

איז דערווייַל זליכה צו אים געקומען און האָט אים אָנגעכאַפּט בייַ זייַן קלייד און האָט געזאָגט: וועסטו צוהערן מייַנע רייד, איז רעכט, און אויב ניט, וועסטו ווערן געטייט! איז יוסף אויפגעשטאַנען און האָט גע־וואָלט אַנטלויפן פאַר איר; האָט זי אים צוגעהאַלטן בייַ דעם קלייד, און מַחמת דערשרעקעניש האָט יוסף צעריסן דאָס קלייד וואָס זליכה האָט געהאַלטן. ער האָט איבערגעלאָזט דאָס קלייד בייַ איר אין האַנט און איז אַנטלאָפן אַרויס אויף דער גאַס.

און ווי זליכה האָט דערזעהן, אַז יוסף האָט צעריסן דאָס קלייד און האָט דאָס איבערגעלאָזט בייַ איר אין האַנט, האָט זי זייער מורא געהאַט, טאָמער וועט מען דערפון געוואויר ווערן.

ג

דאָ ווערט באַשריידט, וויאַזוי זליכה האָט פאַרמסרט
יוספן און וויאַזוי מען האָט אים אַרײַנ־
געוואָרפן אין תּפיסה

ז ליכה האָט געטון מיט קלוגשאַפט און האָט אָפּגעטון פון זיך די טײַערע קליידער. זי האָט גענומען יוספס קלייד און אַוועקגעלייגט לעבן זיך און האָט זיך געזעצט אויף איר בעלעבער, ווי זי איז פריער געזעסן, איידער איר הויזגעזינד זײַנען אַוועקגעגאַנגען צום טייך. אין איר שטוב איז געווען אַ קליין קנעכטל, האָט זי אים געשיקט, ער זאָל אַהיימרופן איר הויזגעזינד. און ווי זליכה האָט דערזעהן איר הויזגעזינד, זאָגט זי צו זיי מיט אַ הויך קול: זעהט, אײַער האַר האָט געבראַכט צו מיר אַ עברי, וואָס ער האָט געוואָלט הײַנט עובר זײַן!*) ער האָט געזעהן, אַז קיינער איז ניטאָ אין שטוב, כאָר איך, איז ער געקומען צו מיר. איך האָב אים צוגעהאַלטן בײַ זײַן קלייד און האָב אָנגעהויבן צו שרײַען מיט אַ גרויס קול. ווי ער האָט דערהערט, אַז איך האָב אָנגעהויבן צו שרייען, האָט ער איבערגעלאָזט זיין קלייד ביי מיר און איז אַנט־לאָפן געוואָרן אויף דער גאַס.

זיי האָבן ניט גערעדט קיין שום וואָרט, נײַערט דער צאָרן האָט אין זיי געברענט אויף יוספן. זײַנען זיי געגאַנגען צום האַר און האָבן אים דערציילט די רייד פון זײַן ווײַב. איז פּוטיפר געקומען אַהיים מיט גרויס כּעס. און דאָס ווײַב האָט אָנגעהויבן צו שרײַען אויף אים און האָט געזאָגט: נאָכוואָס האָסטו געבראַכט צו מיר אַזאַ קנעכט! און זי האָט אים דערציילט דיזעלביגע רייד.

און ווי פּוטיפר האָט אויסגעהערט די רייד פון זײַן ווײַב, האָט ער געהייסן, מען זאָל יוספן שלאָגן. און בשעת מען האָט יוספן געשלאָגן, האָט ער אויפגעהויבן זײַנע אויגן צו גאָט און האָט געזאָגט: גאָט מײַן האַר, דו ווייסט דאָך וואויל דעם אֶמת, אַז איך בין גאָר ריין פון דער זאַך. פאַרוואָס זאָל איך דאָ הײַנט שטאַרבן אין די הענט פון די דאָזיגע רשעים?

אין דער שטוב איז געווען אַ קליין קינד וואָס איז אַלט געווען עלף חדשים. האָט גאָט אויפגעעפנט דאָס

*) אַ וואָרטשפּיל: עבֿרי — אַ ייד; עובר זײַן — טון אַן עבֿרה, זינדיגן.

מויל פון קינד, און דאָס קינד האָט אָנגעהויבן צו רעדן און האָט געזאָגט צו פּוטיפרן און צו די מענטשן וואָס האָבן יוספן געשלאָגן: נאָכוואָס שלאָגט איר אים און וואָס האָט איר צו אים? מײַן מוטער זליכה זאָגט פאַלש און ליגן. ניין, אַזוי און אַזוי איז געווען די זאַך.

ווי די מענטשן האָבן געהערט די דאָזיגע רייד פון קינד, האָבן זיי זיך זייער פאַרוואונדערט. און דאָס קינד האָט אויפגעהערט צו רעדן. און פּוטיפר האָט זיך זייער פאַר־שעמט אויף די דאָזיגע רייד, וואָס זײַן קינד האָט גע־רעדט, און האָט געזאָגט צו די מענטשן, אַז מען זאָל אויפהערן שלאָגן יוספן.

און פּוטיפר האָט גענומען יוספן און האָט אים גע־בראַכט פאַר די שופטים און האָט צו זיי געזאָגט: וואָס קומט מײַן קנעכט דערפאַר, וואָס ער האָט אַזוי און אַזוי געטון צו מײַן ווײַב? האָבן די שופטים געזאָגט צו יוספן: נאָכוואָס האָסטו אַזוי געטון צו דײַן האַר פּוטיפר? האָט יוסף זיי געענטפערט: ניין, אַזוי און אַזוי איז געווען די זאַך. און פּוטיפר האָט געזאָגט צו אים: פאַרוואָר, אַלצדינג וואָס איך האָב געהאַט האָב איך געגעבן אין דײַן האַנט אַרײַן, און איך האָב ניט געטון פאַרמײַדן קיין שום זאַך פאַר דיר, נאָר דאָס ווײַב; און דו האָסט געוואָלט טון צו מיר שלעכטס. האָט יוסף אים געענטפערט: ניין, מײַן האַר! איך שווער בײַ גאָט און אויך אַזוי ווי מײַן האַר לעבט, אַז עס איז ניט אֶמת וואָס דײַן ווײַב זאָגט, נאָר אַזוי און אַזוי איז געווען די זאַך.

האָבן די שופטים געזאָגט צו פּוטיפרן: קיין מיתה קומט דעם קנעכט ניט; נײַערט ווײַל דײַן ווײַב זאָגט פאָרט אויף אים, איז אונזער מִשפּט, אַז מען זאָל אים זעצן אין דער תּפיסה אַרײַן.

ווי פּוטיפר האָט אויסגעהערט די דאָזיגע רייד, האָט ער גענומען יוספן און אים אַרײַנגעזעצט אין דער תּפיסה. און פונדעסטוועגן פלעגט זליכה גיין צו יוספן, און ער האָט זי אַלץ ניט צוגעהערט. און ווי עס איז געקומען אין דריי חדשים אַרום, האָט זליכה צו אים געזאָגט: ווי־לאַנג נאָך וועסטו זיצן אין דער תּפיסה? אַמער הער צו מײַנע רייד, וועל איך דיך אַרויסנעמען. האָט יוסף גע־ענטפערט: עס איז מיר בעסער, אַז איך זאָל זיצן דאָ אין דער תּפיסה, איידער איך זאָל צוהערן דײַנע רייד און זינדיגן קעגן גאָט.

אַזוי איז יוסף געזעסן אין דער תּפיסה צוועלף יאָר און יעקב מיט זײַנע קינדער האָבן אַלץ געטרויערט און געוויינט אויף אים.

ד

דאָ ווערט באַשריבן, וויאַזוי יוסף האָט פּותר־חלום געווען פאַרן האַר פון ווייַן און פאַרן האַר פון ברויט

בייַן יאָר זייַנען שוין אַוועקגעגאַנגען, און יוסף איז אַלץ געזעסן אין דער תּפיסה אין לאַנד מצרים. אין דערזעלביגער צייַט זייַנען געשטאַנען פאַר פּרעה, דעם מלך פון מצרים, צוויי האַרן: דער ווייַנשענקער און דער בעקער. איינער האָט געהאַט צו שאַפן איבער ווייַן און פלעגט דערלאַנגען דעם מלך ווייַן צום טיש; און דער האַר בעקער האָט געהאַט צו שאַפן איבער ברויט, ער פלעגט דערלאַנגען דעם מלך ברויט צום טיש. האָט זיך געטראָפן, אַז פּרעה האָט געפונען אין ווייַן פליגן און אין ברויט האָט ער געפונען שטיינדלעך. און ווי פּרעה האָט דאָס דערזעהן, האָט ער געהייסן, אַז מען זאָל די האַרן אַרייַנזעצן אין תּפיסה.

האָט מען געבראַכט די צוויי האַרן אין דער תּפיסה אַרייַן, און מען האָט געהייסן יוספן, אַז ער זאָל זיי באַדינען. און זיי זייַנען געווען אין דער תּפיסה אַ גאַנץ יאָר.

סוף יאָר האָט זיך געחלומט אַ חלום צו די צוויי האַרן אין איין נאַכט. און ווי עס איז טאָג געוואָרן, איז געקומען יוסף, ער זאָל זיי באַדינען. האָט יוסף דערזעהן, אַז די ביידע האַרן זייַנען טרויעריג. האָט ער זיי געפרעגט: פאַרוואָס זייַט איר הייַנט אַזוי טרויעריג? האָבן די צוויי האַרן צו אים געזאָגט: עס האָט זיך אונז געחלומט אַ חלום, און קיינער איז ניטאָ וואָס זאָל אונז דעם חלום באַשיידן. האָט יוסף צו זיי געזאָגט: דערציילט פאַר מיר אייַער חלום, און גאָט וועט אייַך ענטפערן אַזוי ווי איר וועט וועלן.

האָט דער האַר פון ווייַן דערציילט זייַן חלום פאַר יוספן און האָט געזאָגט: איך האָב געזעהן שטיין פאַר מיר אַ גרויסן ווייַנשטאָק; און אין דעם ווייַנשטאָק האָב איך געזעהן דרייַ צווייַגן; און די דרייַ צווייַגן האָבן געאיילט און געבליט און געשפּראָצט, און ס'זייַנען תּכף פאַרטיג געוואָרן זייערע ווייַנטרויבן. האָב איך גענומען די ווייַנטרויבן און האָב זיי אויסגעקוועטשט אין אַ בעכער און האָב געגעבן דעם בעכער ווייַן אין דער האַנט פון פּרעהן, און ער האָט געטרונקען.

האָט יוסף אים געענטפערט: די דרייַ צווייַגן באַטייַטן דרייַ טעג. אין דרייַ טעג אַרום וועט דיך דער מלכות זעצן

אויף

אויף דיין אָרט, און דו ווּעסט אים אָנטרינקען מיט ווייַן אַזוי ווי צום ערשטן. נאָר איך בעט דיך, אַז איך זאָל געפינען חן אין דיינע אויגן, דו זאָלסט מיך דערמאַנען פאַר דעם מלכות, אַז ער זאָל מיך אַרויסציִען פון דעם געפענקעניש. ווייַל איך בין געגנבעט געוואָרן פון דעם לאַנד כּנען און מען האָט מיך פאַרקויפט אַהער פאַר אַ קנעכט. דערווייַל האָט מייַן האַרס ווייַב געזאָגט אויף מיר אַ ליגן, האָט מען מיך אַרייַנגעזעצט אין דער תּפיסה.

האָט דער האַר פונם ווייַן געענטפערט יוספן: אויב דער מלך וועט טון מיט מיר גוטס, אַזוי ווי דו האָסט מיר פּותר־חלום געווען, וועל איך דיר טון וואָס דו ווּעסט וועלן און איך וועל דיך אַרויסנעמען פון דער תּפיסה.

ווי דער האַר בעקער האָט דערזעהן, אַז יוסף האָט גוט פּותר געווען צום וויַינשענקער, האָט ער אויך דערציילט זייַן חלום צו יוספן און האָט געזאָגט: איך האָב געזעהן אין חלום: דריַי געלעכערטע קערב זיַינען געשטאַנען איבער מייַן קאָפּ. און איך האָב געזעהן, אַז אין דעם אייבערשטן קאָרב איז פאַראַן אַלערליי שפּייַז פון פּרעהן, אַזוי ווי ער פלעגט אַלעמאָל באַקן; און אַ פויגל האָט דאָס געגעסן איבער מייַן קאָפּ. האָט אים יוסף געענטפערט: די דריַי קערב באַטייַטן אויף דריַי טעג. אין דריַי טעג אַרום וועט פּרעה הייסן דעם קאָפּ אַראָפּנעמען פון דיר, און מען וועט דיך הענגען אויף אַ בוים, און די פייגל וועלן עסן דייַן פלייש, אַזוי ווי דו האָסט געזעהן אין דייַן חלום.

אין דערזעלביגער צייַט האָט די מלכּה געוואונען אַ זון צום מלך, האָבן זיך אַלע אייַנוואוינער פון מצרים און אַלע שׂררות זייער געפרייט. און ווי עס איז געקומען דער דריטער טאָג נאָכן געווינען, האָט פּרעה געמאַכט אַ גרויסע סעודה פאַר אַלע שׂררות און פאַר אַלע קנעכט. און עס זיַינען געקומען אַלע אייַנוואוינער פון מצרים צו עסן און טרינקען מיטן מלך און צו פרייען זיך מיט אים. און בשעתן פרייען האָט פּרעה זיך דערמאַנט אין דעם האַר פון ווייַן און אין דעם האַר פון ברויט. דעם וויַינשענקער האָט ער געהייסן אַרויסנעמען פון דער תּפיסה און מאַכן אים אַ ממונה אַזוי ווי פריער; און דעם בעקער האָט ער געהייסן אויפהענגען. ס׳איז געווען אַזוי ווי יוסף האָט זיי פּותר־חלום געווען.

און דער האַר פון ווייַן האָט גאָר פאַרגעסן אין יוספן און האָט אים גאָרניט דערמאַנט פאַרן מלך, אַזוי ווי ער האָט צוגעזאָגט. דאָס איז געווען פון גאָט, אַז יוסף זאָל נאָך זיצן אין דער תּפיסה, ווייַל ער האָט זיך פאַרזיכערט אין אַ מענטשן. און יוסף איז נאָך געזעסן צוויי יאָר, ביז עס זאָלן דערפילט ווערן די צוועלף יאָר.

ה

דאָ ווערט באַשריבן, וויאַזוי פּרעהן האָבן זיך
געחָלומט צוויי חלומות און וואָס די
חרטומים האָבן אים געזאָגט

ווען עס איז שוין געווען נאָהענט דער סוף פון יוספס זיצן אין געפענקעניש, איז געשטאָרבן אין לאַנד כּנַען יצחק, דער זון פון אבֿרהם, דער פאָטער פון יעקבֿ. און יצחק איז אַלט געווען הונדערט און אַכציג יאָר. און יעקבֿ מיט עֵשׂון, זײַנע קינדער, האָבן באַגראָבן זייער פאָטער מיט גרויס כּבֿוד און האָבן געקלאָגט אויף אים פיל טעג. און נאָכדעם אַז יצחק איז געשטאָרבן, האָט גאָט גע-וואָלט, אַז עס זאָל זײַן אַ הונגער אויף דער גאַנצער וועלט.

אין דערזעלביגער צײַט איז פּרעה געזעסן אויף דער שטול פון מצרַיִם. און איינמאָל, ווי עס איז נאַכט גע-וואָרן, האָט ער זיך געלייגט שלאָפן, האָבן זיך אים געחָלומט פיל חלומות. אין איין חָלום האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער שטייט לעבן באָרטן פון טײַך נילוס, און ער זעהט, אַז עס גייען אַרויס פון טײַך זיבן שיינע און פעטע קי. דערנאָך זײַנען אויפגעגאַנגען פון טײַך זיבן מאָגערע קי, און זיי האָבן אײַנגעשלונגען די פעטע קי, און די מאָגערע קי האָבן אויסגעזעהן אַזוי ווי פריער. דאָ האָט פּרעה זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף. און פּרעה איז ווײַטער אַנטשלאָפן געוואָרן, און עס האָט זיך אים ווײַטער געחָלומט אַ חָלום. ער האָט געזעהן, אַז זיבן זאַנגען מיט קאָרן וואַקסן פון איין זאַנג: זייער שיינע און פולע און גוטע. דערנאָך האָבן אַרויסגעשפּראָצט אַנדערע זיבן זאַנגען, זייער דינע און ליידיגע, און האָבן אײַנגעשלונגען די ערשטע זיבן זאַנגען, די גוטע און פולע.

ווי עס איז טאָג געוואָרן, האָט אין פּרעהן געקלאַפּט דער אָטעם מחמת די חלומות. האָט דער מֶלך געלאָזט רופן אַלע חרטומים*) און אַלע חכָמים. זײַנען זיי אַלע

*) טרעפער, כּישופמאַכער.

געקומען און האָבן זיך געשטעלט פאַר פּרעהן. האָט פּרעה צו זיי געזאָגט: ס'האָבן זיך מיר געחלומט צוויי חלומות און איך ווייס ניט, ווער עס זאָל מיר דאָס באַשיידן. האָבן די חרטומים און די חכמים געזאָגט צו פּרעהן: דערצייל אונז דיינע חלומות. האָט פּרעה זיי דערציילט, וואָס ער האָט געזעהן אין חלום.

האָבן אים די חרטומים און חכמים געענטפערט: דער מלך זאָל אייביג לעבן! אַזוי איז דאָס באַשיידעניש פון די חלומות וואָס דו האָסט געזעהן: די זיבן גוטע קי באַטייטן, אַז דו וועסט האָבן אין סוף פון דיינע יאָרן זיבן טעכטער; און דאָס וואָס דו האָסט געזעהן, אַז די זיבן מאָגערע קי האָבן איינגעשלונגען די זיבן פעטע קי, באַטייט דאָס, אַז זיי וועלן שטאַרבן פאַר דיין לעבן. די גוטע זיבן זאַנגען באַטייטן, אַז דו וועסט בויען זיבן שטעט; און דאָס וואָס דו האָסט געזעהן, אַז די זיבן ליידיגע זאַנגען האָבן איינגעשלונגען די זיבן גוטע, באַטייט דאָס, אַז די זיבן שטעט וואָס דו וועסט בויען וועלן חרוב ווערן אין סוף פון דיינע יאָרן.

און ווי די חרטומים און חכמים האָבן אויסגערעדט זייערע רייד, האָט פּרעה זיי ניט צוגעהערט. וואָרים פּרעה האָט פאַרשטאַנען מיט זיין חכמה, אַז זיי האָבן ניט גוט פּותר געווען די חלומות. און ער האָט צו זיי געזאָגט: נאָכוואָס רעדט איר צו מיר פאַלשקייט? וועט איר מיר גוט באַשיידן די חלומות, איז רעכט; און אויב ניט, וועט איר געטייט ווערן.

האָט פּרעה געבאָטן, מען זאָל שיקן רופן אַנדערע חכמים. זיינען געקומען אַנדערע חכמים און האָבן זיך געשטעלט פאַרן מלך; און פּרעה האָט דערציילט פאַר זיי די חלומות. האָבן די חכמים אויך געענטפערט אַזוי ווי די ערשטע. האָט פּרעה אויך זיי זייער געגרימט און געצאָרנט און האָט געזאָגט צו זיי: וואָס רעדט איר צו מיר פאַלשקייט?

ו

דאָ ווערט באַשריידט, וויאַזוי אַנדערע
חרטומים האָבן פּרעהן פּותר־
חָלום געווען

און פּרעה האָט געבאָטן, אַז מען זאָל אויסרופן: ווער עס קאָן באַשיידן חלומות און וועט ניט קומען פּותר־חָלום זיין דעם מֶלך אויף זיינע חלומות, דער וועט געטייט ווערן. אָבער ווער עס וועט יאָ פּותר־חָלום זיין דעם מֶלך, אַז עס זאָל דעם מֶלך וואוילגעפעלן, דעם דאָזיגן מענטש וועט געגעבן ווערן פון מֶלך וואָס ער וועט באַגערן.

זיינען געקומען אַלע חכָמים און אַלע חרטומים פון מצרַים און גושן און רַעמסֶס און תַּחפַּנחֵס און צוען און פון אַלע געמאַרקן פון מצרַים און האָבן זיך אַלע גע־שטעלט פאַר פּרעהן. אַלע שׂרָרות און אַלע באַדינער פון מֶלך זיינען געקומען צו פאָרן און האָבן זיך געזעצט פאַר אים. און פּרעה האָט פאַר זיי דערציילט זיינע חלומות. האָבן זיך אַלע זייער פאַרוואונדערט אויף די חלומות, און איטליכער באַזונדער פון זיי האָט געזאָגט אַ באַזונדער באַשיידעניש.

איין טייל פון זיי האָבן געזאָגט: דאָס וואָס דו האָסט געזעהן זיבן גוטע קי, באַטייט דאָס, אַז עס וועלן פון דיר אַרויסקומען זיבן זין; און די זיבן מאָגערע קי, וואָס זיי האָבן איינגעשלונגען די פעטע, באַטייטן, אַז עס וועלן אויפשטיין זיבן אַנדערע האַרן, וואָס וועלן גובר זיין דיינע זין. און דאָס וואָס דו האָסט געזעהן די זיבן גוטע זאַנגען מיט די זיבן ליידיגע זאַנגען, באַטייט דאָס, אַז עס וועלן אויפשטיין זיבן האַרן וואָס וועלן ניט זיין קיין שטאַרקע, און וועלן גובר זיין יענע זיבן שטאַרקע האַרן אין סוף פון דיינע טעג.

אַנדערע פון זיי האָבן אַזוי פּותר־חָלום געווען דעם מֶלך: דאָס וואָס דו האָסט געזעהן די זיבן גוטע קי, מיינט דאָס זיבן שטעט וואָס זיינען פאַראַן אין מצרַים; און די זיבן מאָגערע קי מיינט מען זיבן האַרן פון כנַען, וואָס זיי וועלן קומען און וועלן חָרוב מאַכן די זיבן שטעט פון מצרַים. און דאָס וואָס דו האָסט געזעהן ווייטער אין חָלום, אַז די זיבן ליידיגע זאַנגען האָבן איינגעשלונגען די זיבן גוטע זאַנגען, באַטייט דאָס, אַז די מלוכה פון

מִצרַיִם וועט זיך אומקערן צו דײַנע קינדער אַזוי ווי פריִער.

נאָך אַנדערע האָבן געזאָגט: די זיבן גוטע קי באַטײַטן, אַז דו וועסט נעמען זיבן קיניגן פאַר מאַנען צו דײַנע זיבן טעכטער; און די זיבן מאָגערע קי באַטײַטן, אַז די טעכטער וועלן שטאַרבן פאַרן מֶלכס לעבן. די גוטע און די שלעכטע זאַנגען באַטײַטן אויך פערצעהן זין: זיבן פון זיי וועלן זײַן שטאַרק און זיבן פון זיי וועלן זײַן שלאַף; און צום סוף פון דײַנע יאָרן וועלן דײַנע פערצעהן זין מלחָמה האַלטן, און די זיבן שלאַפע וועלן אײַננעמען די מלחָמה.

און נאָך אַנדערע האָבן געזאָגט: עס וועלן געבוירן ווערן צו דיר זיבן זין און זיבן אייניקלעך; און די זיבן אייניקלעך וועלן מלחָמה האַלטן מיט דײַנע זיבן זין.

פּרעה האָט אויסגעהערט די אַלע רייד פון די חכָמים און חרטומים, נאָר די רייד זײַנען אים ניט געפעלן. ער האָט געוואוסט מיט זײַן חָכמה, אַז זיי האָבן ניט גוט באַשיידט די חלומות. דאָס איז געווען פון גאָט, אַז זיי זאָלן ניט טרעפן דאָס באַשיידעניש, כדֵי מען זאָל יוספן אַרויסנעמען פון דער תפיסה און מען זאָל אים גרויסמאַכן.

און ווי פּרעה האָט דערזעהן, אַז זײַנע חכָמים קאָנען ניט פּותר־חָלום זײַן, האָט אין אים געברענט דער צאָרן, און ער האָט געבאָטן, אַז מען זאָל זיי אַרויסטרײַבן. זײַנען זיי אַלע אַרויסגעגאַנגען פון פּרעהן מיט גרויס חַרפּה.

ז

דאָ ווערט באַשריבן, וויאַזוי מען האָט געבראַכט יוסףן פאַרן מלכות

נאָכדעם איז געקומען פאַר פּרעהן מָרוד, דער האַר פונם ווייַן, און האָט זיך געבוקט פאַר אים און האָט געזאָגט צו פּרעהן: דער מלך זאָל אייביג לעבן, און זייַן מלוכה זאָל גרויס ווערן איבער דער גאַנצער וועלט. איך מוז דערמאָנען הייַנט מייַנע זינד. אַצונד איז שוין צוויי יאָר, אַז דער מלך האָט געצערנט אויף מיר און אויף דעם בעקער און האָט אונז ביידן אַרייַנגעזעצט אין דער תּפיסה. דאָרטן איז אויך געווען אַ יידישער קנעכט, וואָס ער איז פריער געווען בייַ פּוטיפּרן, און פּוטיפּר האָט אויף אים געצערנט און אים אייַנגעזעצט אין דער תּפיסה. דער יידישער קנעכט הייסט מיט זייַן נאָמען יוסף, ער האָט אונז באַדינט. און בשעת מיר זייַנען געזעסן אין דער תּפיסה, האָט זיך אונז געחלומט אַ חלום אין איין נאַכט. אינדערפרי איז יוסף צו אונז געקומען, האָט ער אונז געפרעגט: וואָס זייַט איר אַזוי טרויעריג? האָבן מיר אים געענטפערט: עס האָט זיך אונז געחלומט אַ חלום, און ס'איז קיינער ניטאָ, וואָס זאָל אונז פּותר זייַן. האָט ער אונז פּותר־חלום געווען, און אַזוי ווי ער האָט אונז געזאָגט, אַזוי איז געווען. און אַצונד איז מייַן עצה, אַז דער מלך זאָל שיקן און מען זאָל אים ברענגען פאַרן מלך, און ער וועט דיר געוויס גוט פּותר־חלום זייַן.

האָט פּרעה צוגעהערט די דאָזיגע רייד און האָט געבאָטן, אַז מען זאָל ברענגען יוסףן פאַר אים. אויך האָט פּרעה אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל יוסףן ניט איבערשרעקן, וואָרים אויב מען וועט אים איבערשרעקן, וועט ער ניט קאָנען רעכט ריידן. און די קנעכט פון פּרעהן זייַנען געגאַנגען און האָבן גענומען יוסףן פון דער תּפיסה און האָבן אים אָפּגעשוירן און האָבן אים אָנגעטון אַנדערע קליידער און האָבן אים געבראַכט פאַרן מלכות.

פּרעה איז דעמאָלט געזעסן אויף דער קיניג־שטול. ער איז געווען צוגעגאַרטלט מיט אַ גילדענעם גאַרטל, און די קרוין וואָס איז געווען אויפן מלך האָט זייער גע־

פינקלט

פינקלט מיט דימענטן און רובינען און שמאַראַקן און אַנ־דערע טײַערע שטיינער. און יוסף האָט זיך זייער פאַר־וואונדערט אויפן מֶלך. די שטול, וואָס דער מֶלך איז דערויף געזעסן, איז געוועזן באַדעקט מיט גאָלד און זילבער און אַלערליי איידל געשטיין. די שטול איז געוועזן מיט זיבעציג טרעפּ. און דער מִנהג איז אַזוי געוועזן אין מִצרַים: אויב אַ חָשובער מענטש איז געקומען צו רעדן מיטן מַלכות, איז ער אַרויפגעגאַנגען אויף דער דרײַסיג־סטער טרעפּ פון דער שטול: אַ פָּשוטער מענטש איז אַרויפגעגאַנגען נאָר ביז דרײַ טרעפּ און האָט פון דאָרט גערעדט. און נאָך אַ מִנהג איז געוועזן: אויב אַ מענטש האָט געקענט אַלע זיבעציג לשונות, האָט ער געמעגט אַרויפגיין אויף אַלע זיבעציג טרעפּ פון דער שטול און האָט זיך געשטעלט גלײַך פאַר פַּרעהן.

און ווי יוסף איז געקומען פאַרן מַלכות, האָט ער זיך געבוקט ביז דער ערד, און דערנאָך איז ער אַרויפ־געגאַנגען אויף דער דריטער טרעפּ. און דער מַלכות האָט גערעדט מיט יוספן און האָט געזאָגט: יוסף, עס האָט זיך מיר געחָלומט אַ חָלום, און קיינער האָט מיר נישט צו באַשיידן דעם חָלום אַזוי ווי רעכט איז. איך האָב פריער גערופן אַלע כישופמאַכער און אַלע חכָמים, האָבן זיי מיר נישט באַשיידט, ווי מען באַדאַרף. און דערנאָך האָב איך געהערט, אַז דו ביזט אַ גרויסער חָכם און דו קאָנסט זייער וואויל פּותר־חָלום זײַן, דעריבער האָב איך געשיקט נאָך דיר. האָט יוסף געענטפערט צו פַּרעהן אַזוי צו זאָגן: אַדוני מֶלך! איך בעט זייער צו דערציילן דעם חָלום; און פון גאָט קאָן זײַן דאָס באַ־שיידעניש.

ח

דאָ ווערט באַשריבט, וויאַזוי יוסף האָט
פּותר־חלום געווען דעם
מלכות

און פּרעה האָט דערציילט פאַר יוספֿן דעם חלום פון די קי און פון די זאַנגען. און ווי ער האָט אַזוי דערציילט די חלומות, איז געקומען צו יוספֿן די נבואה פו גאָט; האָט יוסף געוואוסט, וואָס עס וועט קומען צו פּרעהן פון דעמזעלביגן טאָג אָן און ווייַטער, און ער האָט שוין געוואוסט דאָס באַשיידעניש פון די חלומות אַזוי ווי רעכט איז. און יוסף האָט אָנגעהויבן צו רעדן און האָט געפונען חן אין די אויגן פון פּרעהן, און פּרעה האָט געבייגט זייַנע אויערן צו הערן יוספס רייד. און יוסף האָט געזאָגט צו פּרעהן:

אַדוני מלך, דו זאָלסט ניט מיינען, אַז דייַנע חלומות זייַנען צוויי; נייַערט עס איז נאָר איין חלום. אַלץ וואָס גאָט באַגערט צו טון דעם גאַנצן לאַנד מצרים, האָט ער געוויזן דעם מלך אין חלום. און דאָס באַשיידעניש פון דייַן חלום איז אַזוי: די זיבן גוטע און פעטע קי און די זיבן גוטע זאַנגען באַטייַטן זיבן יאָר; און די זיבן מאָ־ גערע קי און די זיבן לײדיגע זאַנגען באַטייַטן אויך זיבן יאָר. נון, עס וועט זייַן זיבן יאָר נאָכאַנאַנד אַ גרויסע זעט; נאָר דערנאָך וועט זייַן זיבן יאָר נאָכאַנאַנד אַ גרויס הונגער, און מען וועט גאָר פאַרגעסן, אַז עס איז פריער געווען אַ זעט, און דער הונגער וועט פאַרלענדן די מענטשן. און גאָט האָט דערפאַר געוויזן צום מלך צוויי חלומות נאָכאַנאַנד, ווייַל עס איז שוין אָנגעברייט פאַר גאָט און ער אייַלט, אַז די זאַך זאָל שוין זייַן. און אַצונד איז מייַן עצה, כדי עס זאָלן באַשירעמט זייַן אַלע זיצער פונם לאַנד פאַרן גרויסן הונגער: זאָל דער מלכות אויסזוכן אַ קלוגן מענטשן פון זייַן קיניגרייַך און זאָל אים מאַכן, אַז ער זאָל האָבן צו שאַפן איבער גאַנץ מצרים. דער מענטש זאָל נעמען צו זיך נאָך פיל מענטשן, און זיי זאָלן אייַנזאַמלען פיל קאָרן אין די גוטע זיבן יאָר, כדי עס זאָל זייַן אויף די זיבן יאָר וואָס עס וועט זייַן דער הונגער. אויך זאָל דער מלכות געביטן צו זייַן פאָלק, אַז

זיי זאָלן אויך אײַנזאַמלען קאָרן איטליכער פון זײַן פעלד. דאָס איז דאָס באַשיידעניש פון דײַנע חלומות אַזוי ווי רעכט איז, און דאָס איז מײַן עֵצה, כדי דו זאָלסט באַשירעמען אַלע דײַנע קנעכט.

האָט דער מֶלך געענטפערט צו יוספן און האָט געזאָגט: פונוואַנען ווייס איך, אַז דו זאָגסט אֱמת? האָט יוסף געענטפערט צום מֶלך: איך וועל דיר זאָגן אַ סימן, אַז מײַנע רייד זײַנען אֱמת און מײַן עֵצה איז גוט. נון, דײַן ווײַב גרייט צו קינד, און זי וועט האָבן אַ זון; און דו וועסט זיך מיט אים פרייען. און בשעת זי וועט האָבן דאָס קינד, וועט שטאַרבן דײַן בכור. און דו וועסט זיך טרייסטן מיטן נײַגעבוירענעם קינד.

ווי יוסף האָט אויסגערעדט די דאָזיגע רייד, האָט ער זיך געבוקט צום מַלכות און איז אַוועקגעגאַנגען. און תּכף ווי יוסף איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם מֶלך, האָט די מַלכּה געוואונען אַ זון. האָט מען פַּרעהן אָנגעזאָגט די בשׂורה, און ער האָט זיך זייער געפרייט. און תּכף, ווי מען האָט דעם מֶלך אָנגעזאָגט די בשׂורה, איז געשטאָרבן דער בכור פונעם מֶלך, און עס איז געוואָרן אַ גרויס געשריי און אַ פאַרטומלונג אין פּאַלאַץ. און ווי דער מֶלך האָט געפרעגט: וואָס איז דאָס פאַר אַ געשריי? האָט מען אים געענטפערט: דער בכור פונעם מַלכות איז געשטאָרבן.

האָט שוין פַּרעה געגלייבט, אַז וואָס יוסף האָט געזאָגט איז אֱמת. און פַּרעה האָט זיך געטרייסט אינעם זון וואָס איז געבוירן געוואָרן, אַזוי ווי יוסף האָט צו אים געזאָגט.

ט

דאָ ווערט באַשריבן, וויאַזוי פּרעה האָט געמאַכט יוסֵפן פאַר אַ שֵׁני־לְמֶלֶך

באַלד נאָכדעם אַז דער מֶלֶך האָט געזעהן, אַז די רייד פון יוסֵפן זײַנען אֱמֶת, האָט ער געשיקט, אַז מען זאָל אײַנזאַמלען אַלע שָׂרָרות און אַלע קנעכט וואָס זײַנען פאַראַן בײַם מֶלֶך. זײַנען זיי אַלע געקומען פאַרן מֶלֶך. און דער מֶלֶך האָט צו זיי געזאָגט: נון, איר האָט געהערט און געזעהן, אַז די רייד פון דעם עִבְרי זײַנען אֱמֶת; די ראַיה איז, אַז דער סימָן איז מיר מְקוּים געוואָרן. איז דערפון געדרונגען, אַז דאָס וואָס ער האָט באַשיידט איז אויך אֱמֶת. און אַצונד לאָמיר זיך אַן עֵצה האַלטן וואָס מיר זאָלן טון, כְּדֵי מיר און דאָס גאַנצע לאַנד זאָלן ניצול ווערן פאַר דעם גרויסן הונגער. מײַן עֵצה איז, אַז מען זאָל אים געבן די געוועלטיקייט. וואָרים וואו איז דען פאַראַן נאָך אַזאַ חָכָם ווי דער עִבְרי? איך ווייס וואויל, אַז דאָס לאַנד וועט ניט אַנדערש אַנטרונען ווערן פאַרן הונגער, נײַערט מיט דער עֵצה פון דעם עִבְרי.

האָבן אַלע שָׂרָרות געענטפערט דעם מַלְכות: די עֵצה וואָס דער עִבְרי האָט געגעבן איז גוט, און דאָס גאַנצע לאַנד איז בײַ דיר אין דער האַנט; וואָס דו ווילסט טון, מעגסטו טון. אָבער פאַרוואָר, עס שטייט געשריבן אין די אַקטן פון מִצְרַיִם, אַז מען זאָל אַנדערש ניט מאַכן קיין מֶלֶך אָדער אַ שֵׁני־לְמֶלֶך, ביז ער מוז פריער קאָנען רעדן די זיבעציג לְשׁוֹנוֹת. ווי אַזוי קאָן זײַן דער עִבְרי אַ שֵׁני־לְמֶלֶך, אַז ער קאָן געוויס מערניט רעדן נאָר זײַן לָשׁוֹן, אָבער ניט אונזער לָשׁוֹן. נײַערט דו שיק אים רופן, אַז ער זאָל קומען פאַר דיר, וועסטו אים פרובן, צי ער קאָן רעדן אונזערע לְשׁוֹנוֹת. האָט דער מֶלֶך צו זיי געזאָגט:

אויפן אַנדערן טאָג וועל איך אַזוי טון.

בײַנאַכט האָט גאָט אַראָפּגעשיקט אַ מַלְאָך פון הימל, און דער מַלְאָך איז אַוועק צו יוסֵפן און האָט אים אויפגעוועקט פון שלאָף און האָט אים אויסגעלערנט אַלע זיבעציג לְשׁוֹנוֹת.

און ווי עס איז געוואָרן טאָג, האָט פַּרעה געשיקט נאָך זיינע שׂרָרות און נאָך זיינע קנעכט. זיינען זיי אַלע געקומען און האָבן זיך געזעצט פאַרן מַלכות. און פַּרעה האָט געבאָטן, אַז מען זאָל ברענגען יוספן. זיינען די קנעכט געגאַנגען און האָבן געבראַכט יוספן פאַרן מֶלך. און יוסף איז אַרויפגעגאַנגען אויף דער קיניג-שטול ביז דער אייבערשטער טרעפּ, און אויף יעדער טרעפּ האָט ער גערעדט אַן אַנדער לָשון. האָבן זיי זיך זייער דערויף געפרייט, און עס איז וואוילגעפעלן אין די אויגן פון מֶלך און ביי די שׂרָרות, אַז מען זאָל מאַכן יוספן פאַר אַ שֵני-למֶלך.

און פַּרעה האָט געזאָגט צו יוספן: דו האָסט מיר אַן עֵצה געגעבן, איך זאָל נעמען אַ חָכם און זאָל אים מאַכן פאַר אַ געוועלטיגער איבערן לאַנד מצרַים, כדי ער זאָל אָפּהיטן די וועלט פונם הונגער. און אַצונד, ווייל גאָט האָט דיך געלאָזט וויסן די דאָזיגע רייד וואָס דו האָסט גערעדט, איז ניטאָ אין מיין גאַנץ קיניגרייך נאָך אַזאַ חָכם, ווי דו ביזט. דיין נאָמען זאָל מער ניט גערופן ווערן יוסף, נייערט צָפנַת פַּעְנֵחַ*). דו זאָלסט זיין ביי מיר אַ שֵני-למֶלך. דורך דיין מויל זאָלן זיין די באַפעלן פון מיין קיניגרייך. דורך דיינע רייד זאָל מיין פאָלק אַרויסגיין און אַריינגיין. דורך דיין האַנט זאָלן מיינע שׂררות און מיינע קנעכט נעמען זייערע שכירות אַלע חודש. פאַר דיר זאָלן זיך בוקן אַלע מענטשן פון דעם לאַנד, נאָר איך זאָל זיצן אויף דער מלוכה-שטול. און דער מֶלך האָט אָפּגעטון דאָס פינגערל פון זיין האַנט און האָט דאָס אָנגעטון אויף יוספס האַנט.

*) דאָס באַטייט: „דער באַשיידער פון פאַרהוילנס".

פַּרעה

י

דאָ ווערט באַשריבן, וויאַזוי מען
האָט יוסףן אָפּגעגעבן
כּבוד

פּרעה האָט געלאָזט אָנקליידן יוסףן מיט אַ מלכות־קלייד און האָט אים אָנגעטון אַ גילדענע קרוין אויפן קאָפּ און אַ גילדענעם האַלזבאַנד אויפן האַלז. און דער מלך האָט געבאָטן צו זיינע קנעכט, אַז מען זאָל מאַכן רייַטן יוסףן אויף דעם אַנדערן רייַטוואָגן וואָס פּרעה האָט געהאַט. און יוסף איז געפאָרן אויף מלכות־פערד דורך אַלע גאַסן פון מצרים. פריער פאַר יוסףן זייַנען געגאַנגען כּלי־זמרים. דערנאָך זייַנען געגאַנגען פינף טויזנט תּילות־לייַט מיט זייערע בלויזע שווערדן. צוואַנציג טויזנט שרדות, אָנגעטון אין גינגאָלד, זייַנען געגאַנגען מיט יוסףן פון דער רעכטער זייַט און אויך צוואַנציג טויזנט מענטשן פון דער לינקער זייַט. און דער מלך האָט געבאָטן, אַז צוואַנציג מענטשן זאָלן גיין פאַר אים און זאָלן שרייַען מיט אַ הויך קול: האָט איר דען געזעהן אַזאַ קלוגן מענטשן, ווי דער, וואָס דער מלך האָט אים אויסדערוויילט פאַר אַ שני־למלך? אַלע זאַכן פון דער מלוכה וועלן זייַן דורך זייַן מויל. ווער עס וועט ווידער־שפּעניגן זייַן מויל און וועט זיך צו אים ניט בוקן צו דער ערד, דער וועט געטייט ווערן.

ווי די צוואַנציג מענטשן האָבן אויסגערעדט די דאָזיגע רייד, האָבן זיך אַלע מענטשן געבוקט צו יוסףן ביז דער ערד און האָבן געזאָגט: דער מלך און דער שני־למלך זאָלן אייביג לעבן! און אַלע איַינוואוינער פון מצרים האָבן זיך געבוקט צו יוסףן און האָבן זיך געפרייט און געשפּילט מיט אַלע כּלי־זמר.

יוסף האָט אויפגעהויבן זייַנע אויגן צום הימל און האָט געזאָגט דעם פּסוק: דו טוסט אויפשטעלן דעם אָרי־מאַן פון דער ערד, און פונם מיסט טוסטו אים דערהייבן. גאָט, דו ביזט דער האַר פון דער וועלט. וואויל איז דעם מענטשן, וואָס ער פאַרזיכערט זיך אין דיר.

יא

דאָ ווערט באַשריבן, וויאַזוי פּרעה האט חתונה געמאַכט יוספן און וויאַזוי יוסף האָט באַצוואונגען די מיִנטשן פון הרשיש

יוסף מיט אַלע שׂרָרות און מיט אַלע קנעכט זיַינען אויסגעפאָרן גאַנץ מצרַים, און זיי האָבן אים געוויזן אַלע אוצרות פונם מֶלך. דעמזעלביגן טאָג איז יוסף געקומען פאַר פּרעהן. און דער מֶלך האָט אָפּגעגעבן יוספן פעלדער און וויַינגערטנער און אויך פיל גאָלד און איידל געשטיין און נאָך פיל מתָנות. און ווי עס איז געקומען אויפן אַנדערן טאָג, האָט דער מֶלך געבאָטן צו אַלע איַינוואוינער פון לאַנד, אַז מען זאָל ברענגען מתָנות פאַר יוספן; און ווער עס וועט ווידערשפּעניגן דאָס מויל פון מֶלך, דער זאָל ווערן געשטראָפט. און אַלע שׂרָרות וואָס זיַינען געווען ביַים מֶלך האָבן אויך אַלע געגעבן יוספן גרויסע מתָנות. און יוסף האָט דאָס אַלץ באַהאַלטן אין זיַינע אוצרות.

דערנאָך האָט דער מֶלך געשיקט צו פּוטיפֶרע דעם זון פון אַחירם דעם האַר פון און, אַז מען זאָל נעמען ביַים די קלענסטע טאָכטער, וואָס זי הייסט אָסנת, און געבן זי יוספן פאַר אַ וויַיב. די יונגפרוי איז געווען זייער אַ שיינע, און יוסף האָט זי גענומען פאַר אַ וויַיב.

און דער מֶלך האָט געזאָגט צו יוספן: איך בין פּרעה, נאָר חוץ דיר זאָל קיינער ניט אויפהייבן קיין האַנט אָדער אַ פוס צו טון עפּעס אַ זאַך אין מצרַים. יוסף איז אַלט געווען אין דערזעלביגער צַייט דריַיסיג יאָר, ווען ער איז געוואָרן שֵני־למֶלך אין מצרַים. און פּרעה האָט געגעבן צו יוספן הונדערט קנעכט, אַז זיי זאָלן אים באַדינען, און יוסף האָט זיך געקויפט נאָך פיל קנעכט. און יוסף האָט זיך געבויט אַ שיינעם און אַ גרויסן פּאַלאַץ; דאָס בויען האָט געדויערט דריַי יאָר. און יוסף האָט זיך געמאַכט זייער אַ שיינע און אַ גלוסטיגע שטול פון גאָלד און פון זילבער און פון איידל געשטיין. אויף דער שטול איז געווען דאָס געשטאַלט פון מצרַים און דאָס געשטאַלט

פונם

פונם טײַך נילוס, וואָס ער טרינקט אָן דאָס גאַנצע לאַנד מצרַים.

יוסף איז געזעסן זיכערליך אויף דער דאָזיגער שטול. און גאָט האָט געמערט צו יוספן נאָך מער חָכמה. אַלע אײַנוואוינער פון מצרַים און אַלע קנעכט און אַלע שׂרָרות האָבן אים זייער ליב געהאַט. גאָט איז געווען מיט יוספן, און זײַן שֵם איז געווען אויפן גאַנצן לאַנד. יוסף האָט געהאַט פערציג טויזנט און זעקס הונדערט חַיָלות־לײַט, וואָס זיי האָבן געהאָלפן דעם מֶלך און אויך יוספן. די חַיָלות־לײַט האָבן געהאַט פּאַנצערס און שפּיזן און אַנדערע כלי־זיין.

אין דערזעלביגער צײַט זײַנען געקומען די מענטשן פון תּרשיש מלחָמה האַלטן מיט די ישמעאֵלים. די מלחָמה האָט געדויערט פיל טעג, און פון די ישמעאֵלים זײַנען געהרגעט געוואָרן זייער פיל מענטשן. האָבן די ישמעאֵלים געשיקט אַ בריוו צום מֶלך פון מצרַים אַזוי צו זאָגן: מיר בעטן דיך זייער, אַז דו זאָלסט אונז שיקן דײַן חַיל, כדי זיי זאָלן אונז העלפן פון די תּרשישים.

האָט פּרעה געשיקט יוספן מיט אַלע זײַנע גבורים צו די ישמעאֵלים. און ווי יוסף איז געקומען אַהין, האָט ער גובר געווען דאָס חַיל פון תּרשיש און האָט באַצוואונגען אַלע שטעט פון תּרשיש און האָט דאָרט באַזעצט די ישמעאֵלים. און די מענטשן פון תּרשיש וואָס זײַנען איבערגעבליבן זײַנען אַנטלאָפן געוואָרן אין גבול פון זייערע קרובים. און יוסף מיט זײַנע גבורים האָבן זיך אומגעקערט קיין מצרַים.

וויאַזוי די ברידער
געפינען זייער ברודער
און יעקב – זיין זון

א

דאָ ווערט באַשריבן, וויאַזוי עס איז געקומען
דער הונגער נאָך די זיבן
יאָר זעט

עס איז געקומען דאָס אַנדערע יאָר, זינט יוסף איז געוואָרן אַ שני־למלך, האָט גאָט געגעבן אַ גרויסע זעט אויף דער גאַנצער וועלט; און דאָס האָט געדויערט זיבן יאָר, אַזוי ווי יוסף האָט געהאַט גערעדט. און יוסף האָט באַפוילן, אַז מען זאָל אײַנזאַמלען אַלע יאָר דאָס קאָרן מיט די זאַנגען. אַזוי האָבן זײַנע קנעכט געטון אַלע יאָר, און זיי האָבן אײַנגעזאַמלט זייער פיל קאָרן. און יוסף האָט געשטעלט שומרים בײַ זײַנע אוצרות. אַלע אײַנוואוינער פון מצרים האָבן אויך אײַנגעזאַמלט פיל קאָרן, אָבער זיי האָבן ניט אַזוי געטון, ווי יוסף האָט געטון.

און אָסנת, דאָס ווײַב פון יוסף, האָט אים געוואונען צוויי זין; איינער האָט געהייסן מנשה און דער אַנדערער אפרים. יוסף איז אַלט געווען אין דער צײַט פיר און דרײַסיג יאָר. די צוויי קינדער זײַנען געוואַקסן און זײַנען געגאַנגען אין דעם וועג פון יוספן און האָבן ניט אָפּגעקערט ניט אין דער רעכטער זײַט און ניט אין דער לינקער זײַט. גאָט איז געווען מיט די צוויי קינדער און האָט זיי געגעבן שׂכל און קלוגשאַפט; זיי זײַנען געווען קלוג אין אַלע חכמות. אַלע אײַנוואוינער פון מצרים האָבן אָפּגעגעבן כבוד צו יוספס זין, און זיי זײַנען דערוואַקסן געוואָרן צווישן די האַרן פון דעם מלך.

ווי די זיבן יאָר פון דער זעט האָבן זיך אויסגעלאָזט, האָבן זיך אָנגעהויבן די זיבן יאָר פון הונגער, אַזוי ווי יוסף האָט געזאָגט; און עס איז געווען דער הונגער אויף דער גאַנצער וועלט. ווי די אײַנוואוינער פון מצרים האָבן דערזעהן, אַז דער הונגער הייבט זיך אָן, האָבן זיי אויפ־

געעפנט זייערע אוצרות פון תבואה; נאָר דאָ האָבן זיי דערזעהן, אַז דאָס קאָרן איז פול מיט ווערים און ניצט גאָרניט אויף עסן. זיינען זיי געקומען צו פַּרעהן און געזאָגט: גיב דיינע קנעכט עסן; נאָכוואָס זאָלן מיר מיט אונזערע קינדער אויסשטאַרבן פאַר דיינע אויגן?

האָט פַּרעה זיי געענטפערט: וואָס שרייט איר צו מיר? אַמער יוסף האָט דאָך אייך געזאָגט אַלע זיבן יאָר פון דער זעט, אַז איר זאָלט איינזאַמלען קאָרן אויף די זיבן יאָר וואָס עס וועט זיין דער הונגער. פאַרוואָס האָט איר אים ניט צוגעהערט? האָבן די איינוואוינער געענטפערט דעם מֶלך: פאַרוואָר, דער מֶלך זאָל אַזוי לעבן, ווי מיר האָבן געטון, אַזוי ווי יוסף האָט אונז געזאָגט. מיר האָבן איינגעזאַמלט זייער פיל קאָרן; נאָר אַז דער הונגער האָט זיך אָנגעהויבן און מיר האָבן אויפגעעפנט אונזערע אוצרות, האָבן מיר געפונען, אַז דאָס קאָרן איז פול מיט ווערים און מען קאָן דאָס גאָרניט עסן.

ווי דער מֶלך האָט דערהערט די דאָזיגע רייד, האָט ער זיך זייער דערשראָקן און געזאָגט צו זיי: גייט צו יוסף, און וואָס יוסף וועט אייך זאָגן, זאָלט איר טון, און איר זאָלט ניט ווידערשפּעניגן זיינע רייד.

זיינען די איינוואוינער פון מצרים געגאַנגען צו יוסף און האָבן צו אים געזאָגט: גיב אונז עסן, פאַרוואָס זאָלן מיר שטאַרבן פאַר דיינע אויגן. מיר האָבן דאָך איינגעזאַמלט קאָרן, אַזוי ווי דו האָסט אונז געזאָגט, נאָר אַזוי און אַזוי האָט זיך אונז געטראָפן. ווי יוסף האָט אויסגעהערט זייערע רייד, האָט ער אויפגעעפנט זיינע אוצרות און האָט זיי פאַרקויפט קאָרן.

דער

ב

דאָ ווערט באַשריבן, וויאַזוי יעקבס קינדער זײַנען אַוועק קיין מצרַים נאָך ברויט

דער הונגער איז געווען אויף דער גאַנצער וועלט; נאָר אין מצרַים האָט מען יאָ געקאָנט קויפן קאָרן. אַלע זיצער פון כּנַען און פון פּלִשתּים און אויך פון יענער זײַט יַרדן האָבן דערהערט, אַז עס איז פאַראַן צו פאַרקויפן קאָרן אין מצרַים, זײַנען זיי אַלע געקומען צו גיין. און יוסף האָט אויפגעפּענט אַלע אוצרות און האָט געמאַכט דערויף ממוּנים, אַז זיי זאָלן פאַרקויפן דאָס קאָרן.

יוסף האָט געוואוסט, אַז זײַנע ברידער וועלן אויך קומען קיין מצרַים; וואָרים דער הונגער איז געווען אויף דער גאַנצער וועלט. האָט ער געבאָטן צו זײַנע מענטשן, אַז זיי זאָלן אויסרופן אין מצרַים אַזוי צו זאָגן: מיטן באַפעל פון מֶלך און פון שֵני־למֶלך! וועלכער מענטש עס וועט באַדאַרפן קויפן קאָרן, הֶן אַ מענטש פון מצרַים והֶן אַ פרעמדער, זאָל ער ניט שיקן זײַנע קנעכט; נײַערט ער אַליין זאָל קומען אָדער זײַנע זין. און נאָך האָט ער געהייסן אויסרופן: וועלכער מענטש עס וועט קויפן קאָרן און וועט פאַרקויפן צו אַן אַנדערן, זאָל מען אים הַרגענען.

און יוסף האָט געזעצט שומרים בײַ די טויערן פון שטאָט און האָט זיי געהייסן: אַז ווער עס וועט קומען פון דער פרעמד קויפן קאָרן, זאָל מען פאַרשרײַבן זײַן נאָמען און זײַן פאָטערס נאָמען; און אַלע אויפדערנאַכט זאָל מען ברענגען צו אים די נעמען. ער האָט געטון די תּחבוּלות, כּדי ער זאָל וויסן, ווען זײַנע ברידער וועלן אָנקומען קיין מצרַים. און אַלע מענטשן פון מִזרח און פון מַערב האָבן געהערט די אַלע זאַכן וואָס יוסף האָט געבאָטן.

ווי יעקב האָט דערהערט, אַז אין מצרַים איז פאַראַן ברויט, האָט ער גערופן זײַנע קינדער און האָט צו זיי געזאָגט, אַז זיי זאָלן גיין קיין מצרַים קויפן קאָרן. זײַנען די קינדער פון יעקבן אויפגעשטאַנען צו גיין קיין מצרַים. און יעקב האָט זיי נאָך אָנגעזאָגט: אַז איר וועט קומען

צו דער שטאָט מצרַים, זאָלט איר ניט אַלע אינאײנעם אַרײַנגײן דורך אײן טויער. אַזוי זײַנען די קינדער פון יעקבן אַוועקגעגאַנגען; נאָר בנימינען האָט יעקב ניט געשיקט מיט די אַנדערע זין, ווײַל ער האָט זיך געטראַכט, טאָמער וועט זיך טרעפן מיט אים אַן אומגליק אַזוי ווי מיט זײַן ברודער יוסף.

ווי די צעהן קינדער פון יעקבן זײַנען געווען אינמיטן וועג, האָבן זיי זיך דערמאַנט אין יוספן, און עס האָט זיי זייער באַנג געטון וואָס זיי האָבן געטון מיט זייער ברודער. האָבן זיי געזאָגט אײנער צום אַנדערן: מיר ווייסן וואויל, אַז אונזער ברודער יוסף האָט גענידערט קײן מצרַים; וועלן מיר אים דאָרט זוכן און אים אויסלײזן בײַ זײַן האַר. און אויב זײַן האַר וועט אָבער ניט וועלן, אַז מיר זאָלן יוספן בײַ אים אויסלײזן, וועלן מיר אים מיט געוואַלד אָפּנעמען פון זײַן האַר, אַפילו מיר זאָלן אַלע געטײט ווערן.

אַזוי האָבן זיי זיך אַן עֵצה געהאַלטן, אַז זיי זאָלן מַציל זײַן זייער ברודער יוסף פון זײַן האַר.

ג

דא ווערט באַשריבען, וויאַזוי יוסף לאָזט ברענגען צו זיך זיינע ברידער

די קינדער פון יעקבן זיינען געגאַנגען קיין מצרים; און ווי זיי זיינען געקומען נאָהענט פון מצרים, האָבען זיי זיך אָפּגעשיידט איינער פונם אַנדערן, און איטליכער איז אַריינגעגאַנגען קיין מצרים דורך אַ באַזונדערן טויער, אַזוי ווי זייער פאָטער האָט זיי אָנגעזאָגט. די וועכטער וואָס ביי די טויערן האָבען פאַרשריבען זייערע נעמען, און אויפדערנאַכט האָט מען געבראַכט די נעמען צו יוסף. און דער ממונה האָט געלייענט פאַר אים: ראובן בן יעקב איז געקומען צו גיין דורכן וואַסער־טויער. שמעון בן יעקב איז געקומען צו גיין דורכן טויער פון פאַלק. לוי בן יעקב איז געקומען צו גיין דורכן טויער פון בושל. יהודה בן יעקב איז אַריין דורכן לייבן־טויער. יששכר בן יעקב איז אַריין דורכן אייזל־טויער. זבולון בן יעקב איז אַריין דורכן טויער פון ים. דן בן יעקב איז געקומען צו גיין דורכן שלאַנגען־טויער. נפתלי בן יעקב איז געקומען צו גיין דורכן הירשן־טויער; גד בן יעקב איז אַריין דורכן חיל־טויער, אשר בן יעקב איז אַריין דורכן בוימל־טויער.

ווי יוסף איז געוואויר געוואָרן, אַז זיינע צעהן ברידער זיינען געקומען קיין מצרים דורך צעהן טויערן, האָט ער געבאָטן, אַז מען זאָל פאַרשליסן אַלע אוצרות פון קאָרן, נאָר איין אוצר זאָל בלייבן אָפן. און יוסף האָט אָנגעזאָגט דעם ממונה אויף דעם אוצר: וועלכער מענטש עס וועט קומען קויפן קאָרן, זאָלסטו אים פרעגן, ווי ער הייסט; און אויב עס וועלן קומען צו דיר מענטשן וואָס הייסן אַזוי און אַזוי, זאָלסטו זיי שיקן צו מיר.

ווי די קינדער פון יעקבן זיינען אַריין אין מצרים, האָבען זיי זיך איינגעזאַמלט אינאיינעם, כדי זיי זאָלן גיין זוכן זייער ברודער יוסף. זיי האָבען אים געזוכט דריי טעג. דער מענטש, וואָס ער איז געווען דער ממונה איבער דעם אוצר וואָס איז געווען אָפן, האָט געזוכט די נעמען וואָס יוסף האָט אים געגעבן; אָבער ער האָט ניט געפונען

אַפילו

אַפּילו איין מענטשן וואָס זאָל אַזוי הייסן. איז דער ממוּנה געגאַנגען צו יוספן און האָט אים געזאָגט: עס איז שוין דרײַ טעג, אַז דו האָסט מיר געגעבן די נעמען פון די מענטשן, און זיי זײַנען בײַ מיר ניט געווען.

האָט יוסף געשיקט זײַנע קנעכט, אַז מען זאָל אָפּזוכן זײַנע ברידער און מען זאָל זיי ברענגען פאַר אים. זײַנען די קנעכט געגאַנגען זוכן אין מצרַים און האָבן זיי ניט געפונען. דערנאָך זײַנען די קנעכט געגאַנגען קיין רַעמסֵס, זײַנען די ברידער דאָרט אויך ניט געווען. זײַנען די קנעכט געגאַנגען קיין גושן און האָבן דאָרט אויך ניט געפונען די ברידער. זײַנען די קנעכט געקומען צו יוספן און האָבן צו אים געזאָגט: מיר האָבן געזוכט די דאָזיגע מענטשן, נאָר מיר האָבן זיי ניט געקאָנט געפינען.

האָט יוסף געמערט און האָט נאָכאַמאָל געשיקט זעכצעהן קנעכט, זיי זאָלן גיין זוכן די דאָזיגע מענטשן. האָבן זיך די קנעכט צעשפּרייט אויף אַלע פיר זײַטן פון מצרַים. און פיר מענטשן זײַנען געגאַנגען אין די הײַזער און האָבן געפונען די זין פון יעקבן. האָבן די קנעכט געזאָגט צו יעקבס קינדער: דער שֵני לַמֶלך רופט אײַך.

ד

דאָ ווערט באַשריידט, וויאַזוי יוסף באַשולדיגט זיינע ברידער, אַז זיי זיינען אויסשפּירער

ווי די ברידער זײַנען געקומען צום שני־למלך, האָבן זיי זיך געבוקט צו אים. יוסף איז געווען אין שיינעם פּאַלאַץ און איז געווען אָנגעטון אין קיניגליכע קליידער, און די גילדענע קרוין איז געווען אויף זײַן קאָפּ. פיל שׂררות זײַנען געזעסן אַרום אים. ווי די קינדער פון יעקבן האָבן דערזעהן דעם שני־למלך, האָבן זיי זיך זייער פאַרוואונדערט אויף זײַן שיינעם געשטאַלט און האָבן זיך נאָכאַמאָל געבוקט צו אים. און ווי יוסף האָט דערזעהן די ברידער, האָט ער זיי דערקענט; אָבער זיי האָבן אים ניט דערקענט.

האָט יוסף אָנגעהויבן מיט זיי צו רעדן און האָט געזאָגט: פונוואַנען קומט איר? האָבן זיי געענטפערט און געזאָגט: מיר קומען פון לאַנד כנען צו קויפן קאָרן בײַ דעם שני־למלך; וואָרים עס איז בײַ אונז זייער אַ גרויסער הונגער. האָט יוסף צו זיי געזאָגט: אויב עס איז אמת וואָס איר זאָגט — נאָכוואָס זײַט איר אַרײַנגעגאַנגען קיין מצרים דורך צעהן טויערן? עס קאָן אַנדערש ניט זײַן, נאָר איר זײַט געקומען אויסשפּירן דאָס גאַנצע לאַנד.

האָבען אַלע ברידער אינאיינעם געענטפערט יוספן: ניין, אונזער האַר, מיר זײַנען ערליכע מענטשן, מיר זײַנען קיינמאָל ניט געווען קיין אויסשפּירער, נײַערט מיר זײַנען געקומען קויפן קאָרן. מיר אַלע צעהן מענטשן זײַנען ברידער פון איין פאָטער; האָט אונזער פאָטער אונז אָנגעזאָגט: בשעת איר וועט קומען קיין מצרים, זאָלט איר ניט אַרײַנגיין קיין מצרים דורך איין טויער.

האָט יוסף צו זיי נאָכאַמאָל געזאָגט: הײַנט זעה איך, אַז וואָס איך האָב געזאָגט איז אמת; איר זײַט אויסשפּירער. פאַרוואָר, ווער עס קומט קויפן קאָרן, קויפט ער תּיכּף דעם קאָרן און גייט זיך אַוועק זײַן וועג. און איר זײַט שוין פון דרײַ טעג געקומען קיין מצרים און איר קויפט ניט קיין קאָרן.

האָבן

האָבּן זיי וויַיטער געענטפערט: חלילה־וחס צום האַר צו רעדן אַזעלכע רייד. מיר זיַינען געוועזן צוועלף ברידער צו אונזער פאָטער יעקב, וואָס אונזער פאָטער איז דער זון פון יצחק און יצחק איז געוועזן דער זון פון אברָהם העִברי. דער ייִנגסטער איז מיט אונזער פאָטער אין לאַנד כנַען, און איינער איז פאַרפאַלן געוואָרן פון אונז. האָבן מיר זיך געטראַכט: טאָמער איז ער דאָ, דעריבער האָבן מיר אים געזוכט.

האָט יוסף וויַיטער צו זיי געזאָגט: האָט איר דען אים געזוכט אויף דער גאַנצער וועלט, וואָס אַצונד קומט איר אים זוכן אין לאַנד מצרַים? האָבן זיי געענטפערט: ישמעאֵלים האָבן אים געגַנבעט פון אונז. און מען האָט אונז געזאָגט, אַז ישמעאֵלים האָבן אים געפירט קיין מצרַים און האָבן אים פאַרקויפט פאַר אַ קנעכט. און אונזער ברודער איז געווען זייער אַ שיינער פאַרשוין. האָבן מיר געטראַכט: טאָמער האָט אַ שׂרָרה אים געקויפט פאַר אַ קנעכט. דעריבער האָבן מיר אים געזוכט אין די היַיזער: טאָמער וועלן מיר אים געפינען, וועלן מיר אים אויסלייזן.

האָט יוסף וויַיטער געזאָגט: נאָכוואָס באַדאַרפט איר זאָגן אַזאַ גרויסן ליגן? איך שווער אַזוי ווי דער מֶלך לעבט, אַז איר זיַיט אויסשפּירער. דעריבער זיַיט איר געגאַנגען אין די היַיזער, כּדֵי מען זאָל איַיך ניט געפינען. און ער האָט וויַיטער געזאָגט צו זיי: אויב איר וועט אים יאָ געפינען און מען וועט וועלן פאַר אים אַן אוצר געלט — צי וועט איר געבן פאַר אים? האָבן זיי געענטפערט: מיר וועלן געבן פאַר אים וויפיל מען וועט וועלן.

האָט יוסף וויַיטער צו זיי געזאָגט: און טאָמער וועט מען ניט וועלן אים אָפּגעבן צו איַיך אַפילו פאַר אַן אוצר געלט? האָבן זיי געענטפערט: אַז מען וועט ניט וועלן אים אָפּגעבן צו אונז פאַר אויסלייז־געלט, וועלן מיר אונזער ברודער מיט געוואַלד אָפּנעמען און וועלן אַהיימגיין.

האָט יוסף געזאָגט צו זיי: דאָס איז אֶמת וואָס איך זאָג, אַז איר זיַיט אויסשפּירער, און איר ווילט צווינגען די מענטשן פון לאַנד מצרַים. וואָרים איך האָב געהערט, אַז צוויי מענטשן פון איַיך האָבן חָרוב געמאַכט די שטאָט שכֶם איבער איַיער שוועסטער; אַצונד ווילט איר אַזוי טון צום לאַנד מצרַים איבער איַיער ברודער.

ה

דאָ ווערט באַשריידט, וויאַזוי יוסף שיקט די ברידער
ברענגען בנימינען און שמעון פאַרבלייבט
אין מצרים

און יוסף האָט געזאָגט צו די קינדער פון יעקבן: נאָר מיט דעם וועל איך וויסן, אַז איר זייַט ערליכע מענטשן, אויב איר וועט אַוועקשיקן איינעם פון אייַך, ער זאָל ברענגען אייַער ייִנגסטן ברודער אַהער צו מיר. אַז איר וועט אַזוי טון, וועל איך וויסן, אַז איר זייַט ערליכע מענטשן.

יוסף האָט גערופן זיבעציג גבורים פון זייַנע גבורים און האָט געזאָגט צו זיי: נעמט די דאָזיגע מענטשן און ברענגט זיי אין תפיסה אַרייַן. און די זיבעציג גבורים האָבן גענומען די צעהן מענטשן און האָבן זיי אייַנגעזעצט אין תפיסה. דאָרט זייַנען זיי געבליבן דרייַ טעג.

ווי עס איז געקומען פאַרנאַכט פון דעם דריטן טאָג, האָט יוסף געהייסן, אַז מען זאָל זיי אַרויסלאָזן פון דער תפיסה און מען זאָל זיי ברענגען צו אים. און יוסף האָט געזאָגט צו זיי: אַז איר וועט טון דאָס וואָס איך הייס אייך, וועל איך וויסן, אַז איר זייַט ערליכע לייַט, און איר וועט בלייַבן לעבן. איינער פון אייַך זאָל בלייַבן דאָ אין תפיסה, און איר אַלע נייַן מענטשן נעמט אייַך אָן קאָרן און גייט אַהיים צום לאַנד כנען, און איר זאָלט מיר ברענגען אייַער ייִנגסטן ברודער. אַז איר וועט מקיים זייַן מייַנע רייד, וועל איך וויסן, אַז איר זייַט וואָרהאַפטיגע לייַט.

און יוסף איז אַוועקגעגאַנגען אין אַ חדר אַרייַן און האָט געוויינט אַ גרויס געוויין, וואָרים ער האָט זיך זייער דערבאַרעמט אויף זייַנע ברידער. דערנאָך האָט ער אָפּגעוואַשן זייַן פּנים, און ער איז אַרייַנגעקומען צו זיי און האָט געהייסן, אַז מען זאָל נעמען שמעונען אין דער תפיסה אַרייַן. האָבן די גבורים געאייַלט און האָבן אָנגענומען שמעונען. האָט שמעון אַ געשריי געטון, אַז מען האָט דאָס געשריי געהערט אין פיל גאַסן. זייַנען די זיבעציג גבורים אַנטלאָפן געוואָרן, און עס זייַנען מערניט איבערגעבליבן אין שטוב נאָר יוסף מיט זייַן זון מנשה.

ווי

ווי מְנַשֶה האָט דערזעהן די גבורה פון שִמְעונען, האָט אין איִם זײַער געגרימט דער צאָרן. איז מְנַשֶה אויפגעשטאַנען און האָט מיטן פויסט דערלאַנגט אַ זעץ שִמְעונען איבערן האַלז־און־אַקן, איז שִמְעון געשטילט געוואָרן. און מְנַשֶה האָט געבונדן שִמְעונען און האָט אים געבראַכט אין תפיסה.

אַלע קינדער פון יעקבן האָבן זיך פאַרוואונדערט אויף מְנַשֶהס גבורה. האָט שמעון געזאָגט צו זײַנע ברידער: דאָס שלאָגן איז ניט פון אַ מִצרי; דאָס שלאָגן ווײַזט אויס פון אונזער פאָטערס הויזגעזינד.

יוסף האָט געבאָטן, אַז מען זאָל אָנשיטן זייערע זעק מיט קאָרן, און דאָס געלט פאַרן קאָרן זאָל מען אויך אַרײַנלייגן אין זייערע זעק, און מען זאָל זיי מיטגעבן שפּײַז אויפן וועג. און יוסף האָט זיי אָנגעזאָגט: איר זאָלט למַען־השֵם ברענגען אײַער יינגסטן ברודער צו מיר. ווען איר וועט אים ברענגען, וועל איך וויסן, אַז איר זײַט וואָרהאַפטיגע מענטשן, וועט איר מעגן טון בײַ אונז וואָס איר וועט וועלן, און איך וועל אײַך אומקערן אײַער ברודער, און איר וועט זיך אומקערן מיט פריד צו אײַער פאָטער.

און אַלע האָבן געענטפערט און האָבן געזאָגט: אַזוי ווי דער האַר האָט אונז אָנגעזאָגט, אַזוי וועלן מיר טון. און זיי האָבן זיך ווידער געבוקט צו אים. דערנאָך זײַנען זיי געגאַנגען און האָבן אַרויפגעלייגט די זעק מיט קאָרן אויף די אייזלען און זײַנען אַוועק.

ו

דאָ ווערט באַשריבן, וויאַזוי די ברידער קומען אַהיים
און דערציילן זייער פאָטער וואָס
דער שני־למלך וויל

אַזוי איז שמעון געבליבן אין לאַנד מצרַים, און די אַנדערע ברידער זײַנען אַוועק צום לאַנד כנַען צו זייער פאָטער. ווי זיי זײַנען געקומען אויף אַ האַרבעריג, האָט לֵוי אויפגעעפנט זײַן זאַק, האָט ער געפונען אין זאַק דאָס געלט וואָס זיי האָבן אָפּגעוואויגן יוסֵפן פאַרן קאָרן. האָט לֵוי זיך זייער דערשראָקן און געזאָגט צו זײַנע ברידער: אָט איז אונזער געלט וואָס מיר האָבן געגעבן פאַרן קאָרן.

האָבן זיי זיך זייער דערשראָקן און האָבן געזאָגט: וואָס איז דאָס וואָס גאָט האָט אונז געטון? און זיי האָבן געזאָגט: וואו זײַנען די חסָדים וואָס גאָט האָט געטון צו אונזערע עלטערן אַבְרָהם און יצחק און יעקב אונזער פאָטער? אַצונד וועט מען אין מצרַים אויף אונז מאַכן גרויסע בלבולים. האָט יהודה צו זיי געזאָגט: פאַרוואָר, מיר זײַנען דאָך שולדיג, מיר האָבן געזינדיגט צו גאָט מיט דעם וואָס מיר האָבן פאַרקויפט אונזער ברודער. און ראובן האָט צו זיי געזאָגט: פאַרוואָר, איך האָב אײַך געזאָגט, אַז מיר זאָלן ניט זינדיגן מיט דעם קינד, און איר האָט מיך ניט געוואָלט הערן; אַצונד פאָרשט גאָט פון אײַך זײַן בלוט. נאָכוואָס זאָגט איר: וואו איז דער חֶסד פון גאָט וואָס עס איז געווען צו אונזערע עלטערן?

זיי האָבן איבערגענעכטיגט אויף דעם דאָזיגן אָרט, וואו זיי האָבן געפונען דאָס געלט. און ווי עס איז געוואָרן טאָג, האָבן זיי אַרויפגעלייגט דאָס קאָרן אויף די אייזלען און זײַנען אַהיימגעגאַנגען.

און ווי זיי זײַנען געקומען צום פאָטער, איז דער פאָטער אַרויסגעגאַנגען אַקעגן זיי, האָט ער דערזעהן, אַז זײַן זון שמעון איז ניט פאַראַנען מיט זיי. האָט יעקב געזאָגט צו זיי: וואו איז אײַער ברודער שמעון, וואָס איך זעה אים ניט? האָבן זיי אים דערציילט וואָס עס האָט זיך געטראָפן מיט זיי אין מצרַים. און ווי זיי זײַנען געקומען

אין

אין זייערע הייזער אַרײַן, האָבן זיי אויפגעעפנט זייערע זעק, האָבן זיי דערזעהן, אַז דאָס גאַנצע געלט איז פאַראַנען בײַ זיי. האָבן זיי, און אויך זייער פאָטער, זיך זייער געפאָרכטן.

און יעקב האָט צו זיי געזאָגט: וואָס איז דאָס וואָס איר האָט צו מיר געטון! איך האָב געשיקט צו אײַך מײַן זון יוסף, ער זאָל זעהן דאָס פריד פון אײַך, האָט איר מיר געזאָגט: אַ בייזע חיה האָט אים אויפגעגעסן. איז שמעון געגאַנגען מיט אײַך קויפן קאָרן, ענטפערט איר, אַז דער שני־למלך האָט אים געבונדן און האָט אים אין דער תפיסה אַרײַנגעזעצט. און אַצונד ווילט איר נאָך נעמען בנימינען, כדי איר זאָלט אים אויך טייטן, און איר וועט מאַכן נידערן מײַן גרייזקייט אין גרוב אַרײַן איבער בנימינען און יוספֿן. נאָר איך זאָג אײַך: מײַן זון בנימין וועט ניט גיין מיט אײַך, וואָרים זײַן ברודער איז געשטאָרבן און ער אַליין איז מיר איבערגעבליבן, און אויב ער וועט גיין מיט אײַך, וועט זיך אים אויך טרעפן, אַזוי ווי מיט זײַן ברודער האָט זיך געטראָפן. האָט ראובן געזאָגט צום פאָטער: גיב אויף מיר בנימינען, און אויב איך וועל ניט אָפּברענגען בנימינען, זאָלסטו טייטן מיינע צוויי זין. האָט יעקב געזאָגט: זיצט דאָ, איך וועל ניט שיקן בנימינען מיט אײַך קיין מצרים.

האָט יהודה געזאָגט צו זײַנע ברידער: פאַרמײַדט צו רעדן מיט אונזער פאָטער, ביז דאָס קאָרן וועט אויסגיין. און אַז עס וועט אויסגיין, וועט ער שיקן זײַן זון בנימין מיט אונז קיין מצרים.

ז

דאָ ווערט באַריידט, וויאַזוי די ברידער גייען
אַוועק אַ צווייטן מאָל קיין
מצרים

דער הונגער איז געוואָרן אַלעמאָל גרעסער, און אַלע מענטשן פון כנען פלעגן גיין קיין מצרים קויפן קאָרן. און דאָס קאָרן וואָס די קינדער פון יעקבן האָבן גע־בראַכט פון מצרים האָט געדויערט צוויי חדשים מיט עטליכע טעג. און ווי דאָס קאָרן איז אויסגעגאַנגען, איז געוואָרן הונגעריג דאָס הויזגעזינד פון יעקבן. די קליינע קינדער זײַנען געקומען צו יעקבן און האָבן אים אַרומ־גערינגלט און האָבן געזאָגט צו אים: גיב אונז עסן!

פאַרוואָס זאָלן מיר שטאַרבן פאַר דײַנע אויגן?

ווי יעקב האָט דערהערט די רייד פון די קינדער, האָט ער געוויינט און האָט זיך זייער דערבאַרעמט איבער זיי. ער האָט גערופן זײַנע זין. זײַנען זיי געקומען און האָבן זיך געזעצט פאַר אים. האָט יעקב צו זיי געזאָגט: איר זעהט דען ניט, אַז די קליינע קינדער וויינען און זײַנען הונגעריג? פאַרוואָס גייט איר ניט קויפן קאָרן?

האָט יהודה געזאָגט צום פאָטער: וועסטו שיקן מיט אונז בנימינען, וועלן מיר גיין קיין מצרים נאָך קאָרן, און אויב דו וועסט ניט שיקן מיט אונז דײַן זון בנימינען, וועלן מיר ניט גיין. וואָרים דער שני־למלך האָט אונז אָנגעזאָגט, אַז מיר זאָלן ניט קומען אָהן אים, און דער שני־למלך איז זייער אַ מעכטיגער און אַ שטאַרקער שליט. אויב מיר וועלן קומען צו איהם אָהן אונזער ברודער בנימין, וועלן מיר אַלע געטייט ווערן. פאַרוואָר, דו ווייסט וואויל און האָסט געהערט, אַז דער שני־למלך איז זייער אַ גרויסער גבור און אַ גרויסער חכם און אַזאַ גלײַכעניש ווי ער איז ניט פאַראַן. זײַן קנעכט איז קליגער און שטאַרקער פון גרעסטן גבור פון די פלשתים. מײַן ליבער פאָטער, דו האָסט ניט געזעהן דעם שני־למלך! ער זיצט זייער אין אַ שיינעם פּאַלאַץ, אויף דער קעניגליכער שטול, און אַ גרויסע גילדענע קרוין איז אויף זײַן קאָפּ.

און

און יהודה האָט נאָך ווײַטער געזאָגט: איך ווייס ניט, ווער עס האָט אים מודיע געווען אונזערע נעמען; אויך האָט ער געפרעגט: צי לעבט נאָך אײַער פאָטער יעקב? איז פרייד צו אים? און אויך, מײַן ליבער פאָטער, דו האָסט ניט געזעהן, אַז אַלע שׂרים וואָס זײַנען אַרום מצרַיִם טוען אָהן אים קיין שום זאַך ניט. בשעת מיר זיינען אַוועקגעגאַנגען פון אים, האָבן מיר זיך געטראַכט, ווי מיר האָבן געטון צו די שטעט פון אמורי, און דער צאָרן האָט געברענט אין אונז וואָס ער האָט אונז חושד געווען, אַז מיר זײַנען אויסשפּירער. אָבער אַז מיר זײַנען נאָכ־אַמאָל געקומען צו אים, איז געפאַלן אויף אונז אַ גרוי־סער פּחד, און מיר האָבן ניט געקאָנט רעדן צו אים אַפילו איין וואָרט. און אַצונד, ליבער פאָטער, שיק מיט אונז אונזער ברודער בנימינען, וועלן מיר גיין קיין מצרַיִם נאָך קאָרן און מיר וועלן ניט אויסשטאַרבן פאַר גרויס הונגער.

האָט יעקב געזאָגט: פאַרוואָס האָט איר מיר שלעכטס געטון מיט דעם וואָס איר האָט געזאָגט דעם שֵׁני־לַמֶלך, אַז איר האָט נאָך אַ יינגסטן ברודער? האָט יהודה גע־ענטפערט דעם פאָטער: גיב בנימינען אין מײַן האַנט, און אויב איך וועל קומען אָהן אים, זאָל איך זײַן זינדיג צו דיר אַלע מײַנע טעג. זעה, אונזערע קליינע קינדער וויינען, וואָרים זיי זײַנען הונגעריג. זאָל דערהיצט ווערן דײַן דערבאַרמיקייט אויף זיי און זאָלסט שיקן בנימינען מיט אונז. איך שווער בײַ גאָט און אויך אַזוי ווי איך לעב, אַז איך וועל דיר אים אָפּברענגען. און מיט דעם וואָס מיר זאַמען זיך אַזוי לאַנג וואָלטן מיר שוין געקאָנט צוויי מאָל זיך אומקערן פון מצרַיִם מיט בנימינען.

האָט יעקב געזאָגט: איך וועל זיך פאַרזיכערן אין גאָט. ער וועט אײַך מציל זײַן, און ער וועט אײַך געבן חֵן אין די אויגן פון שֵׁני־לַמֶלך און אויך פון אַלע זײַנע מענטשן. אַצונד שטייט אויף און נעמט אַ מתּנה וואָס עס געפינט זיך אין דאָזיגן לאַנד, און ברענגט עס פאַר אים. און דער אַלמעכטיגער גאָט זאָל אײַך געבן צו אַ דערבאַרמיקייט פאַר אים, און ער זאָל מיט אײַך אָפּשיקן בנימינען מיט שמעונען אײַער ברודער.

זײַנען די קינדער פון יעקבן אויפגעשטאַנען און האָבן גענומען זייער ברודער בנימינען און פון דעם בעסטן גע־וועקס פון דעם לאַנד כנען, און אויך פיל זילבער. און יעקב האָט אָנגעזאָגט זײַנע קינדער, אַז זיי זאָלן אָפּהיטן בנימינען און זיי זאָלן זיך ניט אָפּשיידן פון אים אויפן וועג און אויך אין מצרַיִם. און יעקב איז אויפגעשטאַנען און האָט פאַרשפּרייט זײַנע הענט צו גאָט תּפילה צו טון און האָט געזאָגט:

גאָט

גאָט מײַן גאָט, וואָס דו ביזט דער גאָט פון הימל און פון דער ערד, געדענק דאָס זיכערהייט וואָס דו האָסט פאַרזיכערט צו מײַן עלטערפאָטער אַבְרָהם און אויך צו מײַן פאָטער יצחק. דו זאָלסט טון גענאָד צו מײַנע קינדער און זאָלסט זיי ניט איבער־ענטפערן אין די הענט פון די מִצרים. גאָט, טו דאָס פון וועגן דײַן דערבאַרעמקייט און זײַ זיי מַציל פון די מִצרים.

דאָס הויזגעזינד פון יעקב האָבן אויך אויפגעהויבן זייערע אויגן צו גאָט און האָבן געוויינט און געשריגן, אַז גאָט זאָל מַציל זײַן זייערע עלטערן פון די הענט פון די מִצרים.

אויך

דאָ ווערט באַשיידט, וואָס פאַר אַ בריוו יעקב
האָט געשריבן צום שֵׁני־לַמֶלך
אין מצרַיִם

אויך האָט יעקב געשריבן אַ בריוו צום שֵׁני־לַמֶלך פון מצרַיִם און האָט דעם בריוו געגעבן צו יהוּדהן מיט זײַנע ברידער. אין דעם בריוו איז אַזוי געשטאַנען געשריבן:

„פון מיר דײַן קנעכט יַעקב דער זון פון יצחק, און מײַן פאָטער יצחק איז דער זון פון אַברָהם העִברי, שרײַב איך פריד צו דעם באַרימטן שַליט וואָס ער איז שטאַרק און מעכטיג און קלוג. דער האַר ווייסט, אַז דער הונגער האָט זיך זייער געשטאַרקט אין לאַנד כנַען, האָב איך גע־שיקט מײַנע קינדער, אַז זיי זאָלן גיין קויפן קאָרן קיין מצרַיִם, כּדי מיר זאָלן האָבן זיך מיט עפּעס צו דערנערן. איך בין זייער אַלט, און איך קאָן שוין גאָרניט זעהן מיט מײַנע אויגן, און איך וויין אַלע טאָג אויף מײַן זון יוסף וואָס איז פאַרפאַלן געוואָרן פון מיר.

איך האָב אָנגעזאָגט מײַנע קינדער, אַז בשַעת זיי וועלן קומען קיין מצרַיִם, זאָלן זיי ניט אַרײַנגיין דורך איין טויער, און אויך האָב איך זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן גיין זוכן מײַן זון יוסף אין מצרַיִם, טאָמער וועלן זיי אים גע־פינען. זיי האָבן געטון, ווי איך האָב זיי אָנגעזאָגט, און אַצונד האָסטו זיי געמאַכט פאַר אויסשפּירער. איך האָב געהערט, אַז דער האַר איז אַ גרויסער חָכם; פאַר־וואָס זאָל ער ניט פאַרשטיין, צי זיי זײַנען אויסשפּירער, צי ניין? אויך האָב איך געהערט, אַז דער האַר האָט פּותר־חָלום געווען צו פַּרעהן און האָט אים מודיע געווען, אַז עס וועט זײַן אַ הונגער. פאַרוואָס זאָל כּבוֹדוֹ ניט פאַרשטיין מיט זײַן חָכמה, אַז מײַנע קינדער זײַנען ניט קיין אויסשפּירער?

אַצונד, מײַן האַר, שיק איך מײַן ייִנגסטן זון, אַזוי ווי דו האָסט באַפוילן צו מײַנע קינדער. און איך בעט דיך זייער, אַז דו זאָלסט טון דײַנע אויגן אויף מײַן ייִנגסטן זון, ביז ער וועט זיך אומקערן מיט פריד צו מיר מיט זײַנע ברידער.

דו ווייסט וואויל און האָסט געהערט וואָס אונזער גאָט האָט געטון צוליב מײַן עלטערפאָטער אַבְרָהם און מײַן פאָטער יצחק. די גבורה פון גאָט איז תָּמיד מיט אונז, גאָט הערט תָּמיד צו אונזערע תּפילות און ער פאַרלאָזט אונז קיינמאָל ניט. און אויב מען וועט שלעכטס טון מײַנע קינדער, וועל איך רופן צו גאָט.

אַצונד גייט מײַן זון בנימין מיט זײַנע ברידער צו דיר. בעט איך דיך, אַז דו זאָלסט אים ניט טון קיין שלעכטס און זאָלסט אים אָפּשיקן מיט זײַנע ברידער צו מיר מיט פריד. און דערפאַר וועט גאָט דײַן גדולה און דײַן כָּבוד פאַרגרעסערן, און ער וועט דיר שענקען אַריכת־יָמים און בְרָכה.״

דעם דאָזיגן בריוו האָט יעקב געגעבן צו יהודהן, אַז ער זאָל דאָס אָפּגעבן צום שֵׁני־לְמֶלך פון מצרַים. און די קינדער פון יעקבן זײַנען אויפגעשטאַנען און האָבן גענומען זייער ברודער בנימין און אויך די מַתָּנה און זײַנען געגאַנגען קיין מצרַים.

ט

דאָ ווערט באַשרייבט, וויאַזוי יוסף
גיט אַ מאָלצײַט פֿאַר די
ברידער

ווי די ברידער זײַנען געקומען קיין מצרַים, זײַנען זיי גלײַך אַוועק צום שני־למלך. און ווי יוסף האָט זיי דערזעהן מיט זײַן ברודער בנימין, האָט ער זיי אָפּגעגעבן שלום און האָט געבאָטן, אַז מען זאָל מאַכן אַ מאָלצײַט. און ווי עס איז געווען מיטאָגצײַט, האָט יוסף געשיקט, אַז מען זאָל רופֿן צו אים די ברידער.

האָבן די מענטשן וואָס זײַנען געווען אין שטוב בײַ יוספֿן דערציילט, אַז יעקבס קינדער האָבן אָפּגעגעבן דאָס געלט וואָס זיי האָבן געפֿונען אין די זעק. האָט יוסף געענטפֿערט די מענטשן: זאָגט זיי, לאָזן זיי גאָר קיין מורא ניט האָבן, דאָס געלט איז ניט מײַנס, נײַערט זייער גאָט האָט זיי געגעבן דאָס געלט.

און יוסף האָט געהייסן רופֿן שמעונען. איז שמעון געקומען פֿאַר די ברידער און האָט געזאָגט צו זיי: דער שני־למלך האָט געטון צו מיר פֿיל גוטס; וואָרים תּיכף ווי איר זײַט אַוועקגעגאַנגען פֿון מצרַים האָט ער מיך אויפֿגעבונדן און האָט מיך אַרויסגענומען פֿון דער תּפֿיסה.

יהודה האָט אָנגענומען זײַן ברודער בנימין און האָט אים געבראַכט פֿאַר יוספֿן; און יהודה מיט בנימינען האָבן זיך געבוקט צו אים. דערנאָך האָבן זיי אים געגעבן די מתּנה וואָס זיי האָבן געבראַכט פֿון פֿאָטער. האָט יוסף געזאָגט צו זיי: איז פֿריד צו אײַך, איז פֿריד צו אײַערע קינדער, איז פֿריד צו אײַער פֿאָטער? האָבן זיי אים געענטפֿערט: עס איז אַלדינג מיט פֿריד. און יהודה האָט אַרויסגענומען דעם בריוו און געגעבן יוספֿן אין האַנט אַרײַן. יוסף האָט איבערגעלייענט דעם בריוו, האָט ער דערקענט, אַז דאָס כּתב איז פֿון זײַן פֿאָטער. האָט יוסף זיך ניט געקאָנט אײַנהאַלטן, איז ער אויפֿגעשטאַנען און אַוועק אין אַ חדר און געוויינט אַ גרויס געוויין.

דערנאָך

דערנאָך איז יוסף צוריק אַרײַן צו די ברידער און האָט געזאָגט צו זיי: דאָס איז אײַער ייִנגסטער ברודער וואָס איר האָט געזאָגט? האָבן זיי געענטפערט: יאָ. און בנימין האָט געגעהנט צו יוספן. האָט יוסף אַרויפגע־לייגט זײַן האַנט אויף בנימינס קאָפּ און געזאָגט: גאָט זאָל דיך לײַטזעליגן. און ווי יוסף האָט דערזעהן זײַן ברודער פון זײַן מוטער, האָט ער ווײַטער געוואָלט אָנ־הייבן צו וויינען. איז ער ווײַטער אַרײַנגעגאַנגען אין אַ חדר און האָט זיך דאָרט אויסגעוויינט; דערנאָך איז ער צוריק אַרײַנגעגאַנגען צו זיי.

און יוסף האָט געזאָגט, אַז מען זאָל לייגן ברויט צום טיש. יוסף האָט געהאַלטן אַ בעכער אין האַנט, וואָס ער האָט מיט אים געטרונקען. דער בעכער איז געווען פון גוט זילבער, און ס׳זײַנען געווען אַרײַנגעזעצט אין אים זייער טײַערע שטיינדלעך. האָט יוסף אַ קלאַפּ געטון מיטן בעכער, בשעת זיי האָבן זיך געזעצט עסן, און האָט גע־זאָגט צו די ברידער: איך ווייס וואויל מיט דעם בעכער, ווער ס׳איז צווישן אײַך דער בכור. ראובן איז דער בכור, און שמעון און לוי און יהודה און יששכר און זבולון זײַנען פון איין מוטער; זעצט אײַך, ווי איר זײַט געבוירן געוואָרן. די איבעריגע האָט ער אויך געזעצט אַזוי ווי זיי זײַנען געבוירן געוואָרן. דערנאָך האָט יוסף געזאָגט: אײַער קלענער ברודער האָט ניט קיין ברודער פון זײַן מוטער, און איך האָב אויך ניט קיין ברודער פון מײַן מוטער; לאָז ער זיך זעצן עסן מיט מיר. איז בנימין אויפ־געגאַנגען צו יוספן און האָט זיך געזעצט מיט יוספן אויף דער שטול. און די ברידער האָבן זיך זייער פאַר־וואונדערט דערויף.

די ברידער האָבן געגעסן מיט יוספן אין דערזעלביגער צײַט. און יוסף האָט געגעבן איטליכן פון זײַנע ברידער אַ מתּנה, און בנימינען האָט ער געגעבן צוויי מתּנות. האָבן מנשה און אפרים און אסנת, דאָס ווײַב פון יוספן, אויך געגעבן בנימינען צו אַ מתּנה, האָט ער געהאַט פינף מתּנות. און דער שני־למלך האָט געהייסן ברענגען ווײַן און געגעבן די ברידער צו טרינקען. האָבן זיי געענטפערט און געזאָגט: זינט דער צײַט וואָס אונזער ברודער איז פון אונז פאַרלוירן געוואָרן, זײַנען אונז אַלע שמחות פאַרשטערט; און דעריבער טרינקען מיר מער קיין ווײַן ניט און מיר עסן ניט קיין גוט עסן. האָט יוסף זיי באַשוואוירן און זיך געשטאַרקט אויף זיי; האָבן זיי געמוזט טרינקען ווײַן און האָבן מיט אים געטרונקען דעם גאַנצן טאָג.

י

דאָ ווערט באַשריבן, וויאַזוי יוסף גיט זיך צו דערקענען בנימינען

דערנאָך האָט יוסף געפרעגט בײַ בנימינען: האָסטו עפּעס קינדער? האָט בנימין געענטפערט: איך האָב צעהן קינדער. און אַזוי הייסן זיי: בֶּלַע און בֶּכֶר און אַשבֵּל און גֵרָא און נַעֲמָן און אֵחִי און ראֹש און מוּפּים און חוּפּים און אָרד. האָט יוסף געפרעגט: וואָס פאַר נעמען זײַנען דאָס? האָט בנימין געענטפערט: איך האָב זיי אַלע גערופן אויף דער טרעפונג וואָס עס האָט זיך געטראָפן צו מײַן ברודער יוסף. בֶּלַע איז דער טײַטש פאַרשלינגען, וואָרים מײַן ברודער יוסף איז פאַרשלונגען געוואָרן און איז ניטאָ. בֶּכֶר איז דער טײַטש, אַז יוסף איז געווען דער בכור בײַ אונזער מוטער רָחל. אַשבֵּל איז דער טײַטש געפענקעניש, מַחמת מײַן ברודער איז אֶפשר אין געפענקעניש. גֵרָא איז דער טײַטש פרעמד, ווײַל מײַן ברודער געפינט זיך אֶפשר ערגעץ אין אַ פרעמדן לאַנד. נַעֲמָן איז דער טײַטש ליבליך, אֵחִי מיינט מײַן ברודער, ראש איז דער טײַטש קאָפּ און מופּים הייסט שיין: יוסף מײַן ברודער איז מיר ליב ווי מײַן קאָפּ, און שיין איז ער געווען. נאָך אַ זון האָב איך אָנגערופן חוּפּים, ווײַל מײַן ברודער יוסף איז ניט געשטאַנען בײַ מײַן חוּפּה. און מײַן קליינער זון הייסט אָרד, דאָס מיינט נידערן, מַחמת מײַן ברודער האָט אַראָפּגענידערט אין גרוב.

האָט יוסף געזאָגט צו בנימינען: איך בין דײַן ברודער יוסף. נײַערט דו זאָלסט ניט מגַלה זײַן די זאַך צו דײַנע ברידער. איך וועל דיך מיט זיי אַוועקשיקן, דערנאָך וועל איך הייסן, אַז מען זאָל דיך ווידערקערן מיט דײַנע ברידער קיין מצרַיִם, און איך וועל דיך אַוועקנעמען פון זיי. וועל איך זעהן: אויב זיי וועלן מלחָמה האַלטן מיט מיר פאַרוואָס איך האָב דיך צוגענומען פון זיי, וועל איך וויסן, אַז זיי האָבן חרָטה אויף דעם וואָס זיי האָבן

מיר געטון, און איך וועל זיך צו זיי דערקענען. נאָר אויב זיי וועלן דיך פאַרלאָזן, ווערסטו זיצן דאָ, און זיי וועל איך אָוועקשיקן און וועל מיך ניט דער־קענען. און די ברידער האָבן זיך באַטרונקען און זיי האָבן ניט געהערט וואָס יוסף האָט גערעדט מיט בנימינען.

אין דערזעלביגער צײַט האָט יוסף געהייסן, אַז מען זאָל אָנשיטן די זעק פון די ברידער מיט תבואה, און מען זאָל ווײַטער דאָס געלט אַרײַנטון אין די זעק, און דעם גוטן בעכער זאָל מען אַרײַנלייגן אין בנימינס זאַק, און מען זאָל זיי געבן שפּײַז אויפן וועג.

יא

דאָ ווערט באַשריידט, וויאַזוי יוסף באַשולדיגט די ברידער אין גנבה

ווי עס איז געקומען דעם אַנדערן טאָג אינדערפרי, זײַנען די ברידער פון יוספן אויפגעשטאַנען און האָבן אַרויפגעלייגט די זעק אויף די אייזלען. זיי האָבן גענומען זייער ברודער בנימין און אויך שמעונען און זײַנען אַוועקגעגאַנגען זייער וועג צום לאַנד כנען. ווי זיי זײַנען נאָך געווען ניט ווײַט פון מצרים, האָט יוסף געזאָגט צו זײַן הויפמייסטער: אײַל און גיי גיך צו די עלף מענטשן, וואָס זײַנען ניט לאַנג אַוועקגעגאַנגען. און זאָלסט זאָגן צו זיי: נאָכוואָס האָט איר געגנבעט דעם גוטן בעכער פון דעם שני־למלך? איז דער הויפמייסטער אויפגעשטאַנען און איז זיי נאָכגעלאָפן און האָט זיי געכאַפט און האָט צו זיי געזאָגט אַזוי ווי יוסף האָט אים אָנגעזאָגט.

ווי זיי האָבן דערהערט די דאָזיגע רייד, האָט דער צאָרן זייער געברימט אין זיי, און זיי האָבן געזאָגט צום הויפמייסטער: בײַ וועמען מען וועט געפינען דעם בעכער, דער זאָל געטייט ווערן, און מיר אַלע זאָלן זײַן קנעכט צום שני־למלך. זיי האָבן געאײַלט און האָבן אַליין אַראָפגענומען די זעק פון די אייזלען און האָבן געזוכט אין אַלע זעק. האָט מען געפונען דעם בעכער אין דעם זאַק פון זייער ברודער בנימין. און ווי די ברידער האָבן דערזעהן, אַז מען האָט געפונען דעם בעכער אין בנימינס זאַק, האָבן זיי צעריסן זייערע קליידער און האָבן זיך אומגעקערט קיין מצרים.

בשעת זיי זײַנען געגאַנגען אין וועג, האָבן זיי געשלאָגן זייער ברודער בנימין. און יהודה האָט געזאָגט: אַצונד זײַנען מיר אַלע פאַרלוירן, דו האָסט אונז אַלעמען באַטריבט, אונזער אַלטן פאָטער האָסטו באַטריבט און אויך אונזערע ווײַבער און קינדער. ראובן האָט געזאָגט: עס וואָלט מיר ליבער געווען גלײַך בײַ מײַן געבוירן־

ווערן

ווערן צו שטאַרבן, אײדער דאָס צו דערלעבן. און גָד
האָט געזאָגט: ער האָט דאָס אַ ירושה פון זײַן מוטער
רָחל! זי האָט אויך געגנבעט די תּרפים בײַ איר פאָטער
לָבן.

האָט יִשָׂשכר זיך אָפּגערופן אויף אַראַמיש, כדי בנימין
זאָל ניט פאַרשטײן וואָס ער רעדט, וואָרים בנימין איז
אויפגעוואַקסן אין לאַנד כּנען און האָט ניט געקענט קײן
אַראַמיש: צעבּרעכט ניט זײַן האַרץ. פאַרוואָס זאָלט איר
ניט פאַרשטײן, אַז דאָס איז אַלץ פון גאָט צוליב אונזער
זינד. מיר האָבן דאָך שוין דרײַ מאָל געזעהן, אַז אונז
איז באַצאָלט געוואָרן אַזוי ווי מיר האָבן געזינדיגט.
פאַרוואָר, מען האָט אונז געמאַכט פאַר אויסקוקער, ווײַל
מיר האָבן אויסגעקוקט צו טײטן יוספֿן. מען האָט אונז
געזעצט אין תּפיסה, ווײַל מיר האָבן אונזער ברודער
יוספֿן אין גרוב געוואָרפן. מיר האָבן געהאַט דערשרעקע-
ניש, ווען מיר האָבן געפונען דאָס געלט אין אונזערע זעק;
דאָס איז געווען, ווײַל מיר האָבן פאַרקויפט אונזער
ברודער פאַר געלט. און אַצונד אויך אַזוי: די ביטערע
בשׂורה, וואָס מיר האָבן אַצונד, איז ווײַל מיר האָבן
אונזער פאָטער געזאָגט אַ ביטערע בשׂורה פון יוספֿן.

ווי די ברידער זײַנען געקומען קײן מצרים, האָט מען
זײ תּכף געבראַכט צו יוספֿן, און זײ האָבן זיך געשטעלט
פאַר אים. יוסף איז געזעסן אויף דער שטול, און זײַנע
גיבורים זײַנען געשטאַנען לעבן אים אויף דער רעכטער
זײַט און אויף דער לינקער זײַט. האָט יוסף געזאָגט צו
די ברידער: איר האָט מיר געטון אַ רָעה פאַר דער טובה,
וואָס איך האָב מיט אײַך געטון. וויפיל גנאָד האָב איך
אײַך באַוויזן, און איר האָט מײַן גוטן בעכער אַוועק-
געגנבעט און זײַט מיט אים אַוועקגעגאַנגען. נײַערט איך
ווייס וואויל, צו וואָס איר האָט געגנבעט דעם בעכער;
איר ווילט מיט אים כּישוף טון, כּדי איר זאָלט קאָנען
דערגײן, וואו אײַער ברודער יוסף איז. אָבער איר האָט
זײער געגרײַזט; מיט דעם בעכער קאָן איך כּישוף טון,
אָבער ניט איר.

האָט יהודה געזאָגט צום שֵׁני-לַמֶּלֶך: וואָס זאָלן מיר
זיך גערעכטמאַכן, אַז גאָט צערנט הײַנט אויף אונז,
דעריבער האָט ער אונז דאָס צוגעשיקט. מיר זײַנען אַלע
קנעכט בײַ דיר. האָט יוסף געענטפערט און געזאָגט:
חלילה, איך וויל דאָס ניט טון. איר גײט אַהײם מיט
פריד צו אײַער פאָטער; נאָר דער, בײַ וועמען עס איז גע-
פינען געוואָרן דער בעכער, דער פאַרבלײַבט בײַ מיר פאַר
אַ קנעכט. און יוסף איז אויפגעשטאַנען פון זײַן שטול
און איז צו זײ צוגעגאַנגען און האָט מיט גוואַלד פון זײ
צוגענומען בנימינען און אים געהײסן אַוועקפירן.

יב

דאָ ווערט באַשריידט, וויאַזוי
יהודה צערנט אויף
יוסֿפֿן

ווי יהודה האָט דערזעהן וואָס דער שני־למלך האָט געטון האָט ער גענעהנט צו יוסֿפֿן און אים געזאָגט: איך בעט דעם האַר, אַז דער האַר זאָל צוהערן וואָס דער קנעכט וועט רעדן. האָט יוסף אים געענטפערט: רעד, און איך וועל צוהערן. האָט יהודה צו אים געזאָגט: פאַרוואָר, בשעת מיר זיינען צום ערשטן געקומען קויפן קאָרן ביי דיר, האָסטו אונז געמאַכט פאַר אויסשפּירער און האָסט אונז געהייסן ברענגען אונזער ברודער בנימין. האָבן מיר אים געבראַכט. אַצונד מאַכסטו ווייטער אַ בלבול אויף אונז. בעט איך ביי דעם האַר, אַז ער זאָל אונז אומקערן אונזער ברודער, וועלן מיר גיין מיט פריד צו אונזער פאָטער. און אויב ניט, וועלן מיר פאַרוויסטן גאַנץ מצרים!

האָט יוסף געענטפערט יהודהן: וואָס עפנסטו דיין בריט מויל און רעדסט אָהן אונטערטעניקייט. דאָ שווער איך, אַזוי ווי פּרעה לעבט, אַז ווען איך וועל הייסן מיינע גיבורים, זיי זאָלן מלחמה האַלטן מיט אייך, וועסטו מיט דיינע ברידער דערטרונקען ווערן אין זייער שפּייעכץ וואָס זיי וועלן אַ שפּיי טון. האָט יהודה ווייטער געזאָגט צו יוסֿפֿן: גאָט איז אַן עדות, אַז איך וויל ניט מלחמה האַלטן מיט דיר; איך בעט, אַז דו זאָלסט אָפּגעבן אונזער ברודער, און מיר וועלן אַוועקגיין. האָט יוסף אים ווייטער געענטפערט: איך האָב דיר שוין לאַנג געזאָגט, אַפילו דו וועסט קומען מיט אַלע שׂרים פון כנען, וועסטו ביי מיר ניט אָפּנעמען דיין ברודער.

האָט יהודה געפרעגט יוסֿפֿן: אַז מיר וועלן קומען צו אונזער פאָטער און ער וועט זעהן, אַז בנימין איז ניטאָ מיט אונז — וואָס וועלן מיר אים ענטפערן? האָט יוסף געענטפערט: איר זאָלט זאָגן אייער פאָטער, אַז דער שטריק איז נאָכגעגאַנגען נאָכן עמער. האָט יהודה ווייטער גע־

זאָגט: פאַרוואָר, דו ביזט דאָך אַ שַׁלִיט; פאַרוואָס זאָלן מיר זאָגן אַזאַ גרויסן ליגן? האָט יוסף אים געענטפערט: נאָכוואָס האָט איר געזאָגט אַ ליגן מיט אייַער ברודער יוסף? איר האָט געזאָגט אויף אים, אַז אַ חַיה־רָעה האָט אים פאַרצוקט, און איר האָט אים גאָר פאַרקויפט צו די מדיָנים פאַר צוואַנציג שטיק זילבער.

און יוסף האָט צוּ זיי געזאָגט: איר מיינט, אַז נאָר צו אייַך איז געגעבן געוואָרן די גבוּרה? מיר זייַנען אויך גרויסע גיבורים. האָט יהודה געזאָגט: צוויי פון אונז האָבן געטייט אַלע מענטשן פון דער שטאָט שְׁכֶם; און ווען איך וועל איצטער אַרויסציען מייַן שווערד פון שייד, וועט ווערן אַ גרויס געשריי אין גאַנץ מצרַים. און יהודה האָט אַ געשריי געגעבן, אַז די מויערן פון מִצרַים זייַנען פאַרציטערט געוואָרן. און ער האָט געהייסן נפתָּלין: גיי ברענג מיר אַ האַרטן שטיין, זייַן וואָג זאָל זייַן אַ צענטנער. האָט נפתָּלי געבראַכט דעם שטיין. האָט יהודה צעריבן דעם שטיין מיט די הענט.

האָט יוסף געזאָגט: נאָכוואָס באַרימסטו זיך מיט דייַן גבוּרה? און יוסף האָט געזאָגט צו זייַן זון מנַשה: פּרוּב, אֶפשר ווערסטו דאָס אויך קאָנען. האָט מנַשה אויך גענומען אַזאַ שטיין ווי יהוּדה, און האָט אויך געטון אַזוי ווי ער. און אַלע ברידער האָבן זיך זייער פאַר־וואונדערט.

יג

דאָ ווערט באַשיידט, וויאַזוי יוסף גיט
זיך צו דערקענען צו זײַנע
ברידער

יהודה האָט ווײַטער אָנגעהויבן צו רעדן. האָט יוסף געזאָגט צו אים מיט ווייכערע רייד: פאַרוואָר, איר זײַט דאָך אַלע ברידער; פאַרוואָס שטעלסטו זיך מער אַרויס פון אַלע דײַנע ברידער? האָט יהודה געענטפערט: איך האָב עָרב געווען בײַ מײַן פאָטער פאַר בנימינען און האָב צו אים געזאָגט: אויב איך וועל דיר אים ניט אָפּ־ברענגען, זאָל איך זײַן זינדיג צו דיר אַלע מײַנע טעג. דעריבער רעד איך מער פון אַלע מײַנע ברידער. אַצונד בעט איך בײַ דיר, אַז דו זאָלסט מײַן ברודער אַהיימשיקן צו מײַן פאָטער, און איך וועל זײַן בײַ דיר אַ קנעכט. איך וועל דיר אַוודאי אײַננעמען אַלע מלחמות; אַפילו ווען עס וועט אויפשטיין קעגן דיר אַזוי פיל חיל ווי דער זאַמד פון ים, וועל איך אויך אײַננעמען די מלחמה. פאַרוואָר, זאָלסט וויסן, אויב דו האָסט ניט געהערט, אַז מײַן עלטערפאָטער אַברהם מיט זײַן קנעכט אליעזר האָבן גובר געווען די גיבורים פון עֵלם מיט זייער חיל אין איין נאַכט; און פון דענסטמאָל אָן איז געגעבן געוואָרן צו אונז די גבורה.

האָט יוסף אים געענטפערט און געזאָגט: דאָס וואָס דו זאָגסט, איז אֶמת; און איך ווייס גוט, אַז די עִברים זײַנען גרויסע גיבורים און גאָט באַגערט אין אײַך. נײַערט מיט דעם וועל איך אָפּלאָזן אײַער ברודער בנימין, אַז איר זאָלט מיר ברענגען זײַן ברודער וואָס איז פאַר־פאַלן געוואָרן. איר האָט אַליין געזאָגט צו מיר, אַז ער איז פאַראַן אין מצרים. גייט און זוכט אים אויס און ברענגט אים צו מיר, וועל איך אָפּלאָזן בנימינען; און אויך יענעם האָט איר דאָך ניט עָרב געווען בײַ אײַער פאָטער. האָט שמעון געזאָגט צום שני־למלך: איך האָב דאָך דיר שוין לאַנג געזאָגט, אַז מיר ווייסן ניט, צי אונזער ברודער יוסף לעבט אָדער ער איז טויט.

דערווייל האָט יוסף געזעהן, אַז יהודה איז זייער פאַרביטערט; האָט יוסף צו זיי געזאָגט: פאַרוואָר, איר זאָגט, אַז אַייער ברודער איז געשטאָרבן. נו, און אַז איך וועל אים רופן און ער וועט קומען אַצונד פאַר אַייך, וועט איר אים געבן צו מיר פאַר אַ קנעכט אָנשטאָט אַייער ברודער בנימין? און יוסף האָט אָנגעהויבן צו רופן: יוסף! יוסף! קום, וועסטו זיך זעהן מיט דיינע ברידער.

ווי יוסף האָט אַזוי געזאָגט, האָבן זיך די ברידער אַרומגעקוקט אַהין און אַהער, צו זעהן, פונוואַנען יוסף וועט אָנקומען.

האָט יוסף צו זיי געזאָגט: נאָכוואָס באַדאַרפט איר קוקן אַהין און אַהער? פאַרוואָר, איך בין יוסף, וואָס איר האָט מיך פאַרקויפט קיין מצרים. און אַצונד זאָל אַייך ניט באַנג טון וואָס איר האָט מיך פאַרקויפט, וואָרים צו אַ דערנערונג האָט גאָט מיך געשיקט אַהער.

ווי די ברידער האָבן דאָס דערהערט, זיינען זיי זייער דערשראָקן געוואָרן, און מער פאַר אַלעמען איז דערשראָקן געוואָרן יהודה. ווען בנימין האָט דערהערט יוספס רייד, איז ער צוגעלאָפן צו יוספן און האָט אים געהאַלזט און האָט געוויינט. און ווי די ברידער האָבן דאָס דערזעהן, זיינען זיי אויך געפאַלן אויף יוספס האַלז. און זיי האָבן אַלע געוויינט אַ גרויס געוויין.

יד

דאָ ווערט באַשריבן, וויאַזוי יוסף שיקט אָפּ
זײַנע ברידער אַהיים מיט
רײַכע מתּנות

די זאַך איז געהערט געוואָרן אין דעם הויז פון פַּרעה, אַז די לײַט זײַנען די ברידער פון יוספֿן. איז פַּרעהן זייער וואויל געפעלן די זאַך. האָט ער געשיקט זײַנע שׂרות און גיבורים צו יוספֿן, אַז זיי זאָלן זיך פרייען מיט יוספֿס ברידער. און פַּרעה האָט געשיקט צו יוספֿן, אַז ער זאָל זאָגן צו זײַנע ברידער, אַז זיי זאָלן אַרויספֿאָרן קיין מצרַיִם; און אויך זאָל יוסף געבן צו זײַנע ברידער גרויסע מתּנות.

יוסף האָט אַזוי געטון. און ער האָט איטליכן אָנגעטון פֿײַנע קליידער וואָס פַּרעה האָט צוגעשיקט, און געגעבן איטליכן פון פַּרעהס אוצר דרײַ הונדערט שטיק זילבער. דערנאָך האָט יוסף זיי געבראַכט פאַר פַּרעהן. און ווי פַּרעה האָט דערזעהן די ברידער פון יוספֿן, אַז זיי זײַנען אַלע גרויסע גיבורים, האָט ער זיך דערוויסט זייער געפרייט. און דערנאָך זײַנען זיי אַוועקגעגאַנגען פון פַּרעהן.

יוסף איז אויפגעשטאַנען און האָט זיי געגעבן עלף רײַטוועגן און אויך דעם רײַטוואָגן וואָס ער האָט געריטן, בשעת ער איז געוואָרן אַ שני־למלך אין לאַנד מצרַיִם, אַז אויף דעם רײַטוואָגן זאָל דער פאָטער קומען קיין מצרַיִם. און יוסף האָט געשיקט קליידער צו אַלע קינדער פון זײַנע ברידער און אויך הונדערט שטיק זילבער צו איטליכן פון זיי. צו די ווײַבער פון זײַנע ברידער האָט ער געשיקט ווײַבערשע קליידער און אויך בשׂמים און געווערץ. איטליכן ברודער האָט ער געגעבן צעהן קנעכט, אַז מען זאָל זיי באַדינען און פירן זייער פאַרמעג פון לאַנד כנען קיין מצרַיִם.

צו די קינדער פון בנימינען האָט יוסף געשיקט באַזונדערע מתּנות: איטליכן צו צוויי פּאָר קליידער און אויך צעהן רײַטוועגן. צו זײַן פאָטער האָט ער געשיקט צעהן אייזלען, און די אייזלען האָבן געטראָגן דאָס בעסטע פון

מצרים; אויך האָט ער געשיקט אַלערלײ שפּײַז. צו זײַן שוועסטער דינה האָט יוסף געשיקט גאָלד, זילבער, אַלערלײ געווערץ, אויך זילבערנע און גילדענע קלײדער. אויך האָט ער געגעבן די ברידער פאַר זײ און פאַר זײערע ווײַבער זײער פיל אבנים־טובות.

דערנאָך זײַנען די ברידער אַוועק צום לאַנד כנען, און זײער ברודער בנימין איז אויך געווען מיט זײ. יוסף איז זײ געגאַנגען באַלײטן. ער האָט זײ אָנגעזאָגט, אַז זײ זאָלן קומען קײן מצרים. אויך האָט ער זײ געזאָגט: איר זאָלט זיך ניט קריגן אויפן וועג, וואָרים דאָס איז אַלץ געווען פון גאָט, כדי איך זאָל דערנערן אַלע מענטשן; נאָך פינף יאָר וועט זײַן דער הונגער. און צום סוף האָט ער געזאָגט: בשעת איר וועט אָנקומען צום לאַנד כנען, זאָלט איר ניט קומען פּלוצלינג פאַרן פאָטער, נאָר עס זאָל זײַן מיט חכמה.

טו

דאָ ווערט באַשטיידט, וויאַזוי יעקב
ווערט געוואויר, אַז זיין זון
יוסף לעבט

יוסף האָט געענדיגט זייַנע רייד און האָט זיך אומגעקערט קיין מצרַים; און די ברידער זייַנען אַוועקגעגאַנגען מיט שׂמחה צום לאַנד כנַען צו זייער פאָטער יַעקב. ווי זיי זייַנען געקומען ניט ווייַט פון לאַנד כנַען, האָבן זיי זיך אַן עֵצה געהאַלטן, ווי אַזוי זיי זאָלן טון. דערווייַל איז סָרַח, אָשרס טאָכטער, געגאַנגען זיי אַקעגן. און סָרח איז געווען זייער אַ שיינע און אַ גרויסע חכָמה און האָט געקאָנט שפּילן אויף אַ האַרף. האָבן זיי זי צוגערופן. איז זי געקומען צו זיי. האָבן זיי זי געקושט און געגעבן איר אַ האַרף און געזאָגט צו איר: גיי פאַר אונזער פאָטער יעקב און שפּיל פאַר אים און זאָג אים אַזוי און אַזוי.

האָט סָרח געאייַלט און איז געקומען און האָט זיך געזעצט פאַר יעקבן און האָט געשפּילט און געזאָגט: מייַן פעטער יוסף לעבט און איז אַ שֵׁני־למֶלך אין לאַנד מצרַים און איז ניט געשטאָרבן! און זי האָט געמערט צו שפּילן און האָט אַלץ אַזוי געזאָגט. און ווי יעקב האָט דאָס דערהערט, איז אים געקומען אַ דערפרייאונג אין זייַן האַרץ פון דער זיסקייט פון אירע רייד, און דער רוח־הקודש האָט אָנגעהויבן צו רוען אויף אים. האָט יעקב געבענטשט און געזאָגט צו איר: דערפאַר זאָלסטו אייביג לעבן, ווייַל דו האָסט דערקוויקט מייַן לייַב. נייַערט שפּיל נאָך. האָט זי ווייַטער געשפּילט און געזונגען: מייַן פעטער יוסף לעבט און איז אַ שַׁליט אין מצרַים און איז ניט געשטאָרבן! און יעקב האָט צוגעהערט די דאָזיגע רייד און האָט זיך זייער גע־פרייט.

דערווייַל, ווי יעקב האָט נאָך גערעדט מיט סָרחן, זייַנען אָנגעקומען זייַנע קינדער מיט פערד און מיט רייַטוועגן און מיט פּרעכטיגע קליידער, און קנעכט לויפן פאַר זיי.

איז

איז יעקב אויפגעשטאַנען און האָט געזעהן, אַז זײַנע קינדער זײַנען שוין באַקליידט, און האָט געזעהן דאָס גוטס וואָס זיי האָבן געבראַכט מיט זיך. און די קינדער האָבן איהם דערציילט, אַז יוסף לעבט און איז אַ שֵׁני־לַמֶלך אין מצרַים און אַזוי און אַזוי האָט ער געזאָגט. אָבער יעקב האָט דאָס ניט געוואָלט גלייבן, ביז זיי האָבן איהם געזאָגט די סימָנים וואָס יוסף האָט זיי אָנגעזאָגט. האָט יעקב שוין געגלייבט, אַז זיי האָבן דערציילט דעם אֱמת.

האָט יעקב זיך זייער געפרייט און האָט געזאָגט: מײַן זון יוסף לעבט, לאָמיך איהם זעהן, איידער איך וועל שטאַרבן. און יעקב איז אויפגעשטאַנען און האָט אָנגעטון די קליידער וואָס יוסף האָט איהם געשיקט, און האָט זיך אָפּגעשוירן און האָט אָנגעטון דאָס היטל וואָס יוסף האָט איהם געשיקט. אויך דאָס הויזגעזינד האָבן זיך אָנגעטון די קליידער וואָס יוסף האָט זיי צוגעשיקט. און אַלע האָבן זיך זייער געפרייט, אַז יוסף לעבט און איז אַ שֵׁני־לַמֶלך אין מצרַים.

טז

דאָ ווערט באַשריבן, וויאַזוי יעקב פאָרט אַרויס מיט זײַן גאַנצן
הויזגעזינד קיין מצרַים און וויאַזוי ער
באַגעגנט זיך מיט יוספֿן

ווי אַלע זיצער פון כנַען האָבן דאָס דערהערט, זײַנען זיי אַלע געקומען זיך פרייען מיט יעקבן און זײַנע קינדער. און יעקב האָט געמאַכט אַ גרויסע סעוּדה, און די סעוּדה האָט געדויערט דרײַ טעג. און אַלע האַרן פון כנַען האָבן זיך געפרייט מיט אים.

נאָכדעם האָט יעקב געזאָגט: איך וועל גיין זעהן מײַן זון אין מצרַים. נאָך דערנאָך וועל איך מיך אומקערן אין לאַנד כנַען, אַזוי ווי גאָט האָט געזאָגט צו מײַן עלטער־פאָטער אַבְרָהָם; וואָרים איך קאָן ניט פאַרלאָזן דאָס לאַנד פון געבוירן־ווערן. האָט גאָט זיך באַוויזן צו יעקבן און האָט צו אים געזאָגט: שטיי אויף און נידער קיין מצרַים מיט דײַן הויזגעזינד; און זאָלסט דאָרט זיצן און זאָלסט זיך גאָרניט פאָרכטן, וואָרים איך וועל דיך דאָרט מאַכן צו אַ גרויס פאָלק. האָט יעקב זיך געטראַכט אין זײַן האַרצן: איך וועל גיין זעהן מײַן זון יוספֿן אין מצרַים, אויב ער איז נאָך פרום און גאָטספאָרכטיג. האָט גאָט צו אים געזאָגט: פאָרכט דיך ניט פאַר אים, ער איז גאַנץ פרום אַקעגן מיר. האָט יעקב זיך זייער געפרייט.

אין דערזעלבער צײַט האָט יעקב געבאָטן זײַן הויזגעזינד, אַז מען זאָל גיין קיין מצרַים, אַזוי ווי גאָט האָט געהייסן. און יעקב מיט זײַנע קינדער און זײַן הויזגעזינד זײַנען אויפגעשטאַנען מיט פרייד און זײַנען געגאַנגען קיין מצרַים. ווי זיי זײַנען געקומען ניט ווײַט פון מצרַים, האָט יעקב געשיקט זײַן זון יהודה צו זײַן זון יוספֿן, ער זאָל זאָגן, אַז זיי קומען אָן. און יהודה איז געקומען צו יוספֿן און האָט אַזוי געטון; דערנאָך האָט ער זיך אומגעקערט צו זײַן פאָטער.

און יוספֿ האָט אַליין אײַנגעשפּאַנט זײַן רײַטוואָגן און האָט אײַנגעזאַמלט אַלע גיבורים און שׂרָרות און אַלע זײַנע קנעכט און אַלע אײַנוואוינער פון מצרַים, און זיי

זײַנען

זייַנען אַלע אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן זייַן פאָטער. זיי זייַנען אַלע געווען אָנגעטון אין פּורפּור־וואָל און האָבן מיטגעטראָגן גאָלד און זילבער און זייַנען געווען אָנגעגורט מיט אַלערליי כלי־זיין. זיי האָבן געשפּילט מיט טרומייטן, פּייַפלען און פּויקן און האָבן געטאַנצט און האָבן געוואָרפן אויפן וועג אַלערליי געווערץ. די ערד האָט געציטערט מחמת זייער קול. אַלע ווייַבער פון מצרים זייַנען אַרויסגעגאַנגען אויף די דעכער און האָבן אויך געשפּילט אויף אַלע מיני כלי־זמר און האָבן געטאַנצט.

יוסף איז געגאַנגען אָנגעטון די קרוין פון פּרעה, וואָרים פּרעה האָט אים געשיקט די קרוין, ער זאָל זי אָנטון, ווען ער וועט גיין אַנטקעגן זייַן פאָטער. און ווי יוסף איז געקומען פונם פאָטער אַזוי ווייַט ווי פופציג איילן, האָט ער אַראָפּגעגנידערט פון זייַן רייַטוואָגן און איז געגאַנגען צופוס. ווען די שׂרות האָבן דאָס דערזעהן, זייַנען זיי אויך אַלע אַראָפּ פון זייערע רייַטוועגן און געגאַנגען מיט יוספן צופוס.

ווען יעקב מיט זייַנע קינדער זייַנען געקומען נאָהענט צו דער מחנה פון יוספן, האָט יעקב אַ קוק געטון אויף יוספן; איז אים יוסף זייער געפעלן. האָט יעקב געזאָגט צו יהודהן: ווער איז דער מענטש, וואָס ער גייט אָנגעטון זייער אַ שיינע קרוין און מלכות־קליידער און האָט אַראָפּגעגנידערט פון זייַן רייַטוואָגן און גייט צופוס אַנטקעגן אונז? האָט יהודה אים געענטפערט: דאָס איז דייַן זון יוסף, וואָס ער איז דער שני־למלך אין מצרים. און יעקב האָט זיך זייער געפרייט, ווען ער האָט דערזעהן דעם כבוד פון זייַן זון יוסף.

און ווי יוסף איז געקומען נאָהענט צום פאָטער, האָט ער זיך געבוקט צום פאָטער, און אויך די גאַנצע מחנה האָבן זיך געבוקט פאַר יעקבן צו דער ערד. האָט יעקב זיך געאײַלט און איז צוגעלאָפן צו זייַן זון יוסף און איז געפאַלן אויף זייַן האַלז און האָט אים געקושט און האָט געוויינט. יוסף האָט אים אויך געקושט און געהאַלזט און האָט געוויינט. און אַלע קינדער פון יעקבן און אויך גאָר דאָס הויזגעזינד פון יעקבן האָבן געוויינט מיט יוספן און האָבן אים געקושט. און אַלע מענטשן האָבן אויך געוויינט מיט זיי.

דאָ ווערט באַשריבן, וויאַזוי יעקב באַזעצט זיך מיט זיין הויזגעזינד אין לאַנד גושן

דערנאָך זיינען יוסף מיט זיין פאָלק און יעקב מיט זיינע קינדער און מיט זיין הויזגעזינד געקומען קיין מצרים. יוסף האָט זיי באַזעצט אין לאַנד גושן. און יוסף האָט געזאָגט צו זיין פאָטער און צו זיינע ברידער: איך וועל גיין צו פּרעהן און וועל אים דערציילן, אַז מיין פאָטער מיט זיין הויזגעזינד זיינען געקומען צו מיר, און איך האָב זיי באַזעצט אין לאַנד גושן. און יוסף האָט גע־נומען זיינע ברידער ראובן און יששכר און זבולון און בנימין און האָט זיי געשטעלט פאַר פּרעהן.

יוסף האָט געזאָגט צו פּרעהן: מיין פאָטער און מיינע ברידער און זייער הויזגעזינד, מיט זייערע קינדער און מיט זייערע שאָף, זיינען געקומען צו מיר, מחמת דער הונגער האָט זיך אויך זיי געשטאַרקט. האָט פּרעה אים געענטפערט: דו מעגסט זיי באַזעצן, וואו דו ווילסט. האָט יוסף געזאָגט: איך האָב זיי באַזעצט אין לאַנד גושן, וואָרים זיי האָבן זייער פיל שאָף; האָב איך זיי באַזעצט דאָרט, כדי זיי זאָלן ווידן זייערע שאָף. האָט פּרעה געזאָגט צו יוספן: וואָס דיינע ברידער וועלן באַ־גערן פון דיר זאָלסטו טון צו זיי. און די קינדער פון יעקבן האָבן זיך געבוקט צו פּרעהן און זיינען פון אים אַוועק. דערנאָך האָט יוסף געבראַכט זיין פאָטער פאַר פּרעהן; יעקב האָט זיך געבוקט צו אים און האָט אים געבענטשט. און יעקב מיט זיינע קינדער האָבן זיך באַ־זעצט אין לאַנד גושן.

אַלע איינוואוינער פון מצרים האָבן פאַרקויפט יוספן זייערע פעלדער און זייערע בהמות און אַלדינג וואָס זיי האָבן געהאַט, כדי ער זאָל זיי געבן קאָרן. און יוסף האָט אָנגעקליבן זייער פיל גאָלד און זילבער און אבנים־טובות. אַ קליין טייל האָט ער געגעבן זיינע ברידער און אויך דעם הויזגעזינד פון פאָטער, און דאָס גרעסטע טייל האָט ער אָפּגעגעבן צו פּרעהן.

ווי עס זײַנען אויסגעגאַנגען די זיבן יאָר פון הונגער, האָט מען אָנגעהויבן צו זייען און צו שנײַדן, אַזוי ווי עס איז געווען ביזן הונגער. און יוסף איז געזעסן אין מצרַים גאָר זיכערליך, און דאָס גאַנצע לאַנד האָט צוגעהערט וואָס יוסף האָט געזאָגט. יַעקב מיט זײַנע קינדער זײַנען געזעסן אין לאַנד גושן. יַעקב איז געוואָרן זייער אַלט, און אפרַים און מנַשה, יוסֿפס קינדער, זײַנען געזעסן תָּמיד בײַ זייער עלטערפאָטער יַעקבן צו לערנען דעם וועג פון גאָט. און דאָס הויזגעזינד פון יעקבן האָבן זיך זייער געמערט אין לאַנד גושן.

דעם איינבונד,

דעם שער,

די איניציאַלן,

די ווינייעטע צום סוף

האָט געצייכנט

יוסף טשײַקאָוו

Copyright by Wostok (Der Osten), Verlag und Büchervertrieb, G. m. b. H.,
Berlin C2, An der Spandauer Brücke 2.

Druck von B. G. Teubner in Leipzig.